STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01703

YIDEN UN YIDISH

Nahum Stiff

Permanent preservation of this book was made possible
by Deborah Green
in memory of
Josef & Sunny Hocer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום שטיף.

ייִדען און ייִדיש.

ווארשע 1920.

יידען און יידיש.

הקדמה׃

הונדערטער יאָרען האָבען יידען גערעט יידיש, געפרייט זיך און גע׳דאַגט אויף יידיש, געהאַנדעלט און געהאַנדעלט, אַ וועלט אויסגעוועבן אויף זייער שפּראַך—אויף יידיש. מאַמעס האָבען מיט „אונטער שרה׳לעס וויגעלע״ קינדער פאַרוויגט. אויף יידיש האָט מען געלערענט אין חדרים, אין ישיבות, אין קלויזען און בתי-מדרשים, תורה און ספרים פאַרטייטשט, אויף יידיש האָבען רבנים און גאונים תורה און מוסר געזאָגט פאַר דעם עולם, אויף יידיש זענען געווען געשריבען מוסר-ספרים. אַ גאַנץ העלפט פון דעם יידישען פאָלק, אונדזערע מאַמעס, האָבען דעם יידישען חומש, דעם צאנה-וראנה געלייענט, אויף יידיש האָבען זיי אַפילו זייערע הארציקע תפילות, תחינות, געזאָגט. אַ קיצור אויף יידיש האָבען יידען אַ וועלט אויסגעפירט, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלען אָפּצופרעגען, צי איז רעכט אַזוי, צי איז טאַקע יידיש אונדזער שפּראַך און צי דאַרפען מיר אפשר גאָר האָבען אַן׳אַנדער שפּראַך? אודאי יידיש! וואָס דען? אודאי קאָן מען אַ וועלט אויספירען נאָר אויף דער שפּראַך, וואָס יידען האָבען זי פון דור-דורות אין מויל, און וואָס אַלע יידען פאַרשטייען. איז דען שייך צו פרעגען, למשל, צי איז רעכט, וואָס אַ מענטש גייט אויף זיינע פיס, טוט מיט זיינע הענט, קוקט מיט זיינע אויגען וכדומה? אודאי אַזוי, דאָס איז דאָך דער דרך הטבע!

האבען יידען טאקע נישט געפרעגט קיין ווילדע קשיות און גע-
טון זיך זייערס, און טאקע אויף זייער שפראך, אויף יידיש. ווא-
רום יידיש האט געגעבען א וועלט צו זען. צי האבען יידען,
למשל, געוואוסט פון א וועלט צו זאגען, איידער ס'זענען אויפ-
געקומען יידישע צייטונגען? ערשט, אז מ'האט אנגעהויבען דרוי-
קען צייטונגען און ביכלעך וועגען דער היינטיקער וועלט אויף
יידיש, האט א ייד געקאנט וויסען, וואס עס טוט זיך אין פאלי-
טיק, אין מסחר, צווישען יידען, אין לענדער און צווישען פעל-
קער, בכלל וואס טוט זיך אויף דער גארער וועלט. יידען האבען
זיך געקאנט דערוויסען, וואס די צייט פאדערט פון אונדז, ווי
האלט עס מיט יידען, מיט זייערע פרנסות און מיט זייער גייס-
טיק לעבען. וואס דארפען יידען פארלאנגען, וואס טוט מען, אז
מ'זאל יידען נישט באָעול'ען, אז זיי זאלען א ביסעלע פארבעסערען זייער
מצב וכדומה. הכלל דורך יידיש איז א ייד געווען פארקנופט
און פארבונדען מיט יידען און מיט א וועלט, אזוי ווי יעדער אנ-
דער אומה דורך איר שפראך, און האט געקאנט זוכען מיטלען,
ווי אזוי נישט צו בלייבען הינטערשטעליק פון א וועלט.

אזוי האט זיך געפירט אונדזער יידיש וועלטעל כמנהגו,
יידען האבען געהאלטען, אז אזוי דארף זיין. ווי פארוואונדערט
דארף עס איצט זיין א ייד פון א גאנץ יאר, ווען מיטאמאל
הערט ער די לעצטע יארען וועגען „יידישיסטען“ און „העברעיס-
טען“, וועגען א „קאמף“, וואס קומט פאר צווישען צוויי מחנות
אין דער שול און אין תלמוד-תורה, אין די בילדונגס-חברות
און קהלות! וואס זאל ער זיך קלערען, ווען „העברעיסטען“ נע-
מען מיטאמאל אים איינרעדען, אז „יידיש“ איז נישט קיין
שפראך, נאר א שאנדע, א „זשארגאן“, וואס מ'דארף פון אים,
וואס גיכער, פטור-ווערען? וואס זאל ער זיך טראכטען, ווען ער
הערט, ווי „העברעיסטען“ זענען מרעיש-עולמות, אז „יידישיסטען“
ווילען אויסמעקען אונדזער גאנצען „עבר“ מיט דער תורה, מיט
דער גאנצער גוטער יידישקייט, פירען שיר נישט צו שמד? און

זיי, די „העברעיסטען", וועלען שוין ראטעווען דאס פאלק ישראל, אלע יידישע קינדער וועלען מיטאמאל אנהייבען רעדען העברעיש, ווי א וואסער, און זיי, די „העברעיסטען", וועלען אונדז אריינזעצען א נייע, כשר'ע העברעיסטישע נשמה!

דארף מען אויפקלערען די זאך, אז יעדער ייד זאל פארשטיין, וואס איז דאס אזינס „יידישיסטען", וואס מ'מאכט זיי איצט פאר עוכרי ישראל, פון וואנען נעמען זיי זיך, וואס ווילען זיי? און ווייטער, וואס איז דאס אזינס „העברעיסטען", וואס פאר אב'עולות שטעלען זיי אויס די „יידישיסטען" און וואס ווילען זיי אויספירען? זאל די זאך אראפ פון די הויכע הימלען פון פארטיי־חקירה אויף דעם מעמד פון פשוט'ן פארשטאנד, זאל יעדער וויסען, פון וואס דא רעט זיך, וואס צו טון, וועט ער שוין אליין פארשטיין.

I.

פון וואַנען נעמען זיך „ייִדישיִסטען“?

פון וואַנען נעמען זיך „ייִדישיִסטען“? וויאַזוי איז דאָס געקומען דערצו, אַז ייִדיש, די שפּראַך פון פאָלק וויִיִקסטענס טויזענט יאָר דורכאַנאַנד, האָט באַדאַרפט גאָר האָבען אַ באַזונדער „פּאַרטיי“, אַ מחנה, וואָס שטעלט-זיך-איין דערפאַר? און ווער באַפאַלט דען די ייִדישע שפּראַך, אַז מ'דאַרף דאַרפען זיך אָננעמען פאַר איר? און ווו זענען ייִדען אויף דער וועלט, וואָס האָבען עפּעס אויך אַ דעה?

איז דער תירוץ אַזוי: „ייִדישיִסטען“ זענען געוואָרען דערפאַר, ווייל פריִער, פאַר זיי, זענען געווען קיינגען-ייִדישיִסטען, „אַסימיליאַטאָרען“ און „העברעיִסטען“. „ייִדישיִסטען“ זענען געוואָרען דערפאַר, ווייל שוין אַ שטיק צייט, אַז אַ טייל ייִדען, און גראָד אויפגעקלערטע, געבילדעטע ייִדען, רודפ'ן ייִדיש עד חרמה, ווילען די שפּראַך אויסוואָרצלען פון דעם פאָלק, און באַם פאָלק פרעגט מען נישט, דאָס פאָלק איז נאָך צום וואָרט נישט געקומען, ממילא האָבען זיך געמוזט געפינען מענטשען, וואָס זאָלען זיך איינשטעלען פאַר דעם פאָלק און פאַר זיין שפּראַך. אַזוי זענען אויפגעקומען „ייִדישיִסטען“.

די משכילים.

די שנאה צו יידיש בא א געוויסען טייל געבילדעטע יידען, אינטעליגענטען, איז נישט נעכטען געוואָרען. זי האָט שוין א חזקה פון שיינע עטלעכע צענדליק יאָרען. די ערשטע, וואָס האָבען יידיש געוואָרפען א שטיין אין קאָפּ און געקריגט אונדזער פאָלקס-שפּראַך מיט דעם בזיון-נאָמען „זשאַרגאָן”, דאָס זענען געווען די משכילים נאָך פון ניקאָלאַי דעם ערשטענס צייטען. אין געטון האָבען זיי עס נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען שונאים דעם פאָלק, נאָר, אדרבא, פון ליבשאַפט און איבערגעגעבענקייט. זייער רצון און זייער צוועק איז געוויס געווען צום גוטען, נאָר וואָס דען? זיי זענען געגאַנגען מיט א פאַלשען דרך.

וואָס האָבען געוואָלט די משכילים? זיי האָבען געוואָלט אויסמענטשלען דעם יידען, זיי האָבען געוואָלט אויפריכטען דאָס פאָלק מיט לייטען גלייך. זיי האָבען געזען, ווי בא יידען הערשט א שרעקלעכער פאַנאַטיזם; יידען, ווייניקסטענס א גרויסער טייל יידען, האָבען זיך געטיילט אין חסידים און אין מתנגדים. חסידים זענען געווען פאַרגליבט אין רבי'ן, געזופט זוהר, געפּראַוועט תקונים און פאַרבראַכט זייערע יאָרען אין די קלייזען און אין די שטיבלעך מיט דערציילען דעם רבי'נס נסים. מתנגדים זענען געזעסען אין די ישיבות, אָדער גלאַט בא דער גמרא און געפּראַוועט לומדות און פרישות. ביידע מחנות, דערויפט, אָבער, די חסידים, זענען אָפּגעשטאַנען פון א וועלט מיילען ווייט. אונדזערע גרויסע מוחות און דערהויבענע נשמות זענען געווען אומבאַהאָלפען, אזויווי קליינע קינדער, ווען ס'האָט זיך געהאַנדעלט פון היינטיקער וועלט. וואָרום געלעבט האָט מען מיט יענער וועלט און ס'איז געווען דער גרעסטער קאָמפּלימענט, ווען מ'האָט אויף א יידען געזאָגט, אַז ער איז א זיידענער יונגערמאַן, ד. ה. ער האָט קיין טראָפּען בלוט נישט, און ער ווייסט נישט קיין צורת-מטבע, לומדות און חסידות איז געווען די גרעס-

טע מעלה, אַרבעט און מלאכה איז געווען אַ שאַנד, אַ פּסול אין דער משפּחה, מ׳האָט זיך באַריהמט, אַז „אין מיין משפּחה איז, דאַנקען גאָט, קיין איין בעל - מלאכה נישטאָ״. צו די אמת׳ע חסידים און לומדים זענען צוגעשטאַנען אַ מחנה ליידיקעס, ליידיגגייערס, פאַלשע מענטשען, וואָס האָבען זיך געוואַרעמט באַ יענעמס פייער, ראשית, כדי די שיין פון תורה און חסידות זאָל זיי אויך באַשיינען, און שנית, כדי צו האָבען אַן אויסריייד גאָרנישט צו טון און בעל-הבית׳עווען איבער׳ן פּשוט׳ען פאָלק, איבער דעם האָרעפּאַשנעם יידען. דער המון איז געווען פאַרוואָרלאָזט, פאַרווילדעט, אים איז געווען פרעמד הן דאָס שיינדעל פון דער תורה, הן דער ברען פון חסידות, וואָרום טאָג ווי נאַכט האָט ער באַדאַרפט האָרעווען און פאַרשוואַרצט-ווערען א יפ׳ן וויסטיקען שטיקעל ברויט און קוים זיך אויסגעלערענט אין חדר דאַווגען, זעלטען ווען אַ פּרשה חומש, דערפאַר האָט ער געהאַט די זכיה אויסצוהאַלטען מיט זיין בלוטיקען גראָשען נישט נאָר ישיבות און רביים, נאָר גלאַט אַזוי שיינע יידען,— און זייער זכות לעבט ער דאָך אויף דער וועלט!

פון דעם דאָזיקען פּאַבּאַטיזם און פון אַנדערע זאַכען האָבען זיך גענומען אַלערליי יידישע אומגליקען: די שרעקליכע ליידיגגייערײַ, אָרעמקייט און קהל׳שע רציחות. אַ גרייסער טייל יידען, חסידים און לומדים זענען דאָך גלאַט געווען פּטור פון עול, ד. ה. זיי האָבען דאָך באַדאַרפט האָרעווען אויף עולם-הבא, ממילא האָבען זיי שוין נישט געקאָנט האָבען קיין דאגת - פּרנסה. האָט מען די דאָזיקע דאגה געלאָזט פאַר נשים, וואָס זענען אויסגעריסען געוואָרען, אָדער פאַר׳ן פּלל, וואָס דאַרף זיי אויסהאַלטען. דערצו האָבען זיך נאָך צוגעקלעפּט דאָס גאַנצע פּעקעל כלי-קודש און גלאַט שיינע יידען: איינגיקלעך, ירושלמי׳ס, משולחים, יידען מיט אַ גילדענעם אָדער, בעלי-טאַקסעס, נשׂרפים. יידען מיט חבורים אונטער׳ן אָרעם, גבאים, הכנסת-כלה׳ניקעס און סתם יורדים. אַ גאַנצער הײַשעריק ליידיגגיי-

ערס, וואָס האָבען זײַער געהאַלטען פון זיך און זענען אַרומגעגאַנגען מִיט פאַרִיסענע בנז. פון סתם אָרעמעלײַט, שנאָרערס, קאַלִיקעס א ן דראַבעס ש׳ין נִישט צו רעדען. די יִדִישע אָרעמקײַט איז געווען נִישט צו באַשרײַבען. וואָרום געאַרבעט, געטון עפעס האָט נאָר אַ טײל, דער, וואָס האָט שוין נִישט געפֿיגט פאַר עפעס אַנדערש, ד. ה. פאַר תּוֹרה און חסידות. און אַזױװי די מלאכה איז געווען זײער פאַר׳מאוס׳ט, האָבען מִיר די מלאכה אויך נִישט געקענט, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, און דער יִדִישער בעל-מלאכה איז געווען אַ פּאַרטאַטש, אַ לאַטוטניק, וואָס האָט קײן רעכטע זאַך נִישט געקאָנט מאַכען און האָט ממילא קוים פאַרדִינט אויף וואַסער מִיט קאַשע.

און אָנגעפִירט דאָס דאָזִיקע פאַרומערט וועלטעל האָט קהל ד. ה. די שײנע יִדען, מזרח׳נִיקעס, קהל-פאַרזאָרגער און פּיאַווקעס מכל המינים. זײ זענען געווען די בעלי-בתּים איבער׳ן בלוטִיקען גראָשען פון דער טאַקסע. פון דעם יִדען האָט מען געריסען די הויט און געגעבען האָט מען אים בײנער, נִישט קײן פלײש. זײ האָבען געהאַט צו זאָגען אויף אַלערלײ שטײַערען און פּאָדאַטקעס, וואָס די מלוכה האָט געפאָדערט, און זײ האָבען זיך געפִירט ביד רמה, ד. ה. געריסען בײַ דעם אָרעמאַן און געלעבט משוּד עניים ואביונים. צו ניקאָלײַ דעם ערשטענס צײַטען איז נאָך צוגעקומען די גזרה פון רעקרוטען, און קהל׳שע רציחות האָבען דערלאַנגט ביז צום הימעל. די געשיכטע פון „פּוימאַניקעס״ פון טויזענטער יִדִישע קִינדער, וואָס האָבען באַדאַרפט אויסשטײן נִישט אַלײן די יִדִישע גזרה, נאָר נאָך מער פאַר שײנע יִדענס קִינדער—די דאָזִיקע געשיכטע ווערט אײביג בלײַבען אין זכרון פון פאָלק, ווי אַ בלוטיקער פאַס.

די ערשטע געבילדעטע יִדען, וואָס זענען אויפגעקומען בײַ אונדז, האָבען עס אַלץ צוגעזען. זײ האָבען געזען, ווי דאָס יִדִישע פאָלק איז אומוויסענדיק, אָרעם און פאַרוואָרלאָזט אינעווײניק בײַ זיך, ווי דאָס איז פאַר׳מאוס׳ט בײַ אַ וועלט. זײ האָט

דאָס האַרץ געריסען אויף דעם גרויסען יידישען אומגליק, האָבען זיי געוואָלט אויפריכטען דאָס פאָלק, זיי האָבען גענומען באַווייזען, אַז מענטשען דאַרפען קודם-כל אַרבעטען, אַז פון שווינדעל און ווינט, פון מעקלעריי און שענקעריי קאָן מען נישט און מ׳דאַרף נישט לעבען. אַרבעט איז קיין חרפה נישט, אדרבא, אַרבעט איז אַ מעלה הן באַ אונדזערע אַלטע חכמים, הן באַ דער היינטיקער אויפגעקלערטער וועלט. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז יידען דאַרפען זיך נעמען ערנסט פאַר מלאכה און ערד-אַרבעט, כדי צו פאַרדינען ערלעך זייער ברויט, אַז יידען דאַרפען אַוועקוואַרפען מאוס׳ע רגילות׳ען און נאַרישע מנהגים, וואָס קערען זיך כלל נישט אָן מיט יידישקייט, און זיי דאַרפען ווערען היינטוועלטיקע מענטשען, און ועל-כולם ב י ל ד ו נ ג. יידען דאַרפען זיך בילדען, לערנען זיך. נישט אין דער גמרא און אין זוהר אַליין שטעקט די חכמה. נישט פון זיי קאָן מען זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין די היינטיקע וועלט צונויפרעדען זיך און אַרומגיין מיט מענטשען, וויסען, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, האָבען אַ פּנים אויף דער וועלט. בכלל, אַז יידען וועלען האָבען בילדונג און היינטוועלטיק וויסען: זיי וועלען קענען שפּראַכען און אַנדערע וויסענשאַפטען, וועט זיי גרינגער זיין צו לעבען, צו פאַרדינען ברויט, זיי וועלען פטור-ווערען פון אַ סך אינעווייניקסטע אַנשיקענישען און זיי וועלען געפינען חן באַ דער וועלט אויך, און די רעגירונג וועט זיי אויך בעסער באַהאַנדלען, וועט זיי געבען „פּראַוועס".

אַזוי האָבען געגלייבט און דאָס האָבען געוואָלט די משכּילים, און ווייל זיי זענען געווען דערהויפּט בוך-מענטשען, האָבען זיי געגלייבט מער פאַר אַלץ אין דעם כּ ו ח פון ב י ל ד ו נ ג, בילדונג זאָל קומען דורך נייע היינטוועלטיקע ביכער, צייטונגען, און ראשית-כל דורך נ י י ע ה י י נ ט ו ו ע ל ט י ק ע ש ו ל ע ן. אין די אַלטע חדרים און תלמוד-תורות איז דער גאַנצער למוד געווען חומש מיט רש"י, שלחן-ערוך און גמרא, בכלל יידישקייט,

און אַרויסגעקומען זענען קאַליקעס. אין די נײַע שולען זאָל מען לערנען חוץ יידישקייט, נאָך שפּראַכען אויך, לשון־קודש, די לאַנד־שפּראַך און הײַנטוועלטיקע זאַכען, אַזויווי אין שולען בײַ אַלע פעלקער, ס׳זאָל אַרויס אויפגעקלערטע מענטשען, און זיי זאָלען טויגען „צו גאָט און צו לײַט״.

אָט די דאָזיקע געבילדעטע יידען, די משכילים, האָבען געוואָלט אומבײַטען דעם גאַנצען יידישען לעבענס־שטייגער. דער ייד זאָל זיך אָפּטרייסלען פון דעם פאַנאַטיזם, פון דער ליידיגייערײַ, פון דער נאַרישער גדלות, פון ווילדע מנהגים, פון דער זשופּיצע מיט׳ן שטרײַמעל, און פאַר איין־וועגס פון זײַן שפּראַך, ד. ה. פון יידיש אויך. אויס מיט יידיש! דער ייד זאָל אָנהייבען רעדען און שרײַבען, טראַכטען און פילען אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אויף דער לאַנד־שפּראַך: אין רוסלאַנד אויף רוסיש, אין פּוילען אויף פּויליש וכדומה. אַזוי האָבען זיי די ערשטע גענומען רודפ׳ען די יידישע שפּראַך.

פאַרוואָס איז בײַ זיי יידיש געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעפּרעגט? דאָ זענען געווען עטלעכע סבות. פאַר זיי גופא איז יידיש געווען נישט מער, ווי אַ גשאר פון דער אַלטער יידישלעכקייט, וואָס אין דעם, אין דער יידישלעכקייט, האָבען זיי געזען אַלע יידישע צרות. זיי אַליין האָבען באַקומען בילדונג און וויסען אויף פרעמדע שפּראַכען, צום מייסט, אויף דײַטש, די יידישע ליטעראַטור איז נאָך דאַמאָלס געווען זייער אָרעם, אויסער צאנה־וראנה, מוסר ספרים און בבא־מעשיות זענען אויף יידיש קיין אַנדערע נוצלעכע, הײַנטוועלטיקע ביכער כמעט ווי נישט געווען. ממילא האָבען זיי נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר יידיש. אַקעגען אַנדערע שפּראַכען האָט יידיש אויסגעזען אַזוי עלענט און וויסט, אַזויווי דאָס יידישע לעבען אַקעגען דער וועלט. נעמען ווײַטער און באַשאַפען אויף יידיש הײַנטוועלטיקע נוצלעכע ביכער, אַז אַ ייד זאָל זיך קאָנען בילדען אויף יידיש, אַזויווי יעדער אַנדער פאָלק אויף זײַן שפּראַך, אַזאַ געדאַנק איז זיי גע-

זוען פרעמד. צו וואָס באַשאַפען נײַעס, אַז ס׳איז פאַראַן פאַר-
טיג אויף פרעמדע שפּראַכען, דאָרט, ווו זײ גופא האָבען געשעפט
און זענען געהאָלפען געוואָרען? און מ׳דאַרף דאָס גאָרנישט אויך!
און דאָס איז די וויכטיקסטע זאַך. יידיש האַלט צונויפגעשמיט
יידען אינאײנעם, מאַכט פון זײ אַ באַזונדערע אומה, מיט באַזונ-
דערע מדות און מנהגים און מיט אַ באַזונדער רוחניות׳דיק לע-
בען. בכלל יידיש שײט-אָפּ יידען פון קריסטען, פון
אַ וועלט, די שפּראַך מאַכט אַ מחיצה, און די מחיצה דאַרף
מען אומוואַרפען,—איבער איר קומען אַלע יידישע אומגלי-
קען. יידען דאַרפען זײן מיט אַלע גלײך, ד. ה. אין רוסלאַנד
דאַרפען זײ זײן רוסען, אין פוילען—פּאָליאַקען, נאָר מיט זײער
אײגענער אמונה. יידען דאַרפען רעדען די לאַנד-שפּראַך, רוסיש,
פּויליש וכדומה, דאַרפען לערנען די קינדער אין רוסישע, פּוילי-
שע שולען, דאַרפען האַנדלען און אַרבעטען, לעבען בכלל, אַזוי-
ווי די אַרומיקע קריסטלעכע וועלט. פאַר יידישקײט איז גענוג,
אַז יידען וועלען לײגען תפילין און גײן אין מנין, עסען כשר׳ס
און געבען אַ נדבה. דאָס האָט געהײסען, אַז יידען זאָלען זיך
אַסימילירען, ד. ה. זײ זאָלען אָנווערען זײער אײגענעם
קבוץ-לעבען, זײ זאָלען ווערען אויס באַזונדערע אומה און זאָ-
לען זיך, אין אַלע ענינים פאַרגלײכען מיט דער קריסטלעכער
וועלט—חוץ אין אמונה-זאַכען.

די אַסימילאַציע, דאָס אָפּטרײסלען זיך פון אַן׳אַלגעמײנעם
יידישען שטײגער, זאָל האָבען אַ טאָפּעלע פעולה. ראשית, זאָלען
יידען פטור-ווערען פון דעם אײגענעם, אַלטען שימעל, פון דעם
פאַנאַטיזם, לײדיגגײעריי, אָרעמקײט, אָפּגעריסענקײט פון דער וועלט
וכדומה,—זײ זאָלען אָנהײבען געניסען פון אַ וועלט; שנית, זאָל
צוליב דעם בטל-ווערען דער אַנטיסעמיטיזם, די יידענפײנטשאַפט.
קריסטען וועלען זען נעבען זיך הײנטוועלטיקע, אויפגעקלערטע
יידען, וואָס גײען געקלײט אַזוי ווי זײ, רעדען אויף אײן שפּראַך
מיט זײ, לעבען בכלל, חוץ אין אמונה-זאַכען, אַזוי ווי זײ, ממילא

וועלען זיי איינזען, אַז דער ייד איז אַזאַ מענטש, ווי זיי און ס'איז אים נישטאָ פאַרוואָס פיינט-צו-האָבען, פאַרוואָס צו רודפ'ען.

נאָכמער! די דאָזיקע משכילים האָבען בתמימות געגלייבט, אַז די אַסימילאַציע זאָל ברענגען יידען די פּאָליטישע ישועה אויך. יידען זאָלען באַקומען איבערדעם „פּראַוועס" גלייך מיט אַלע. וואָרום איז דער ייד גלייך אין אַלע זאַכען מיט אַלעמען, קומט אים דאָך אויך דאָס, וואָס אַלע קומט!

אַזוי האָבען גע'חלומ'ט אונדזערע משכילים פּטור-צו-ווערען פון יידישע צרות, פון יידישען גלות: און היות ווי יידיש, די פאָלקס-שפּראַך, פאַרלענגערט דעם גלות, יידיש האַלט צונויף יידען אינאיינעם, אַזויווי רייפען אַ פאַס; יידיש דערלאָזט נישט, אַז זיי זאָלען איינגעשלונגען ווערען און בטל-בששים-ווערען אין דער גוישער סביבה, דאַרף מען פּטור-ווערען פון יידיש — דאַרף מען די פאָלקס-שפּראַך אויסראָטען. און די ערלעכע משכילים האָבען טאַקע פון זייער זייט אַלץ געטון, כדי זייער צוועק צו דערלאַנגען. מ'האָט גע'פועל'ט בײַ „נאַטשאַלסטווע" זי זאָל עפענען אויף יידיש געלט, פון דעם ליכט-אָפּצאָל („סוויעטשנאָי סבאָר") „קאַזיאָנע", דאָס הייסט, רוסישע שולען פאַר יידישע קינדער. געלערענט האָט מען דאָרט אַלץ רוסיש און אויף רוסיש, און כדי יוצא-צו-זיין פאַר יידישקייט האָט מען געלערענט דאָרט „ביבליע" (להבדיל חומש) און „זאַקאָן באָזשי" (להבדיל, שולחן-ערוך) אויך, אויף רוסיש, אויפ'ן שפּיץ מעסער. מ'האָט איינגעפירט קאַזיאָנע רבנים, וואָס האָבען ממש על קדוש-השם גע'דרש'ענט פון דער בימה אויף דעם שיינעם באַרדיטשעווער רוסיש, מ'האָט געדונגען גוטע אַמען און ניאַניעס, און אַליין געבראָכען, נעבעך די צונג, קינדער זאָלען זיך פון קינדווייס-אָן אָפּגעוויינען פון יידיש. און ס'האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז ס'זענען געווען צייטען, ווען משכילים, יידישע פּאַטריאָטען, האָבען פאַר'מאוס'ט אין דער וועלט'ס אויגען יידיש, און בײַ דער רעגירונג אודאי, און זיי האָבען געאַרבעט און געוואָלט פועל'ען בײַ דער

רעגירונג, אַז אויף יידיש זאָל מען נישט טאָרען דרוקען קיין זאַך, אויסער מוסר-ספרים. דאָס אַלץ צוליב דעם, טאָמער וועלען טאַקע יידען זיך אַרומזען און באַשאַפען באַ זיך הײנטוועלטיקע, נ.צלעכע ביכער אויף יידיש און זיי וועלען זיך פון יידיש בילדען און בויען, און ממילא נישט דאַרפען אָנקומען נאָר צו רוסיש, אָדער צו פויליש. און מיר האָבען דערלעבט צו דעם בזיון, אַז רוסישע מיניסטאָרען, וואָס יידיש איז זיי געווים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען, האָבען געלערענט דרך-ארץ אויפגעקלערטע יידען, אַז אַזוי טוט מען נישט, מיט געוואַלט נעמט מען נישט צו קיין שפראַך באַ קיין פאָלק. ס'וועט אגב נישט העלפען אייך, וואָרום אַ פאָלק בײט נישט זײַן שפראַך ל.יט דעם גוטען ווילען פון אינטעליגענטען. זיי, די פרעמדע, די „גוים", האָבען באַוויזען מער חוש, מער פאַרשטאַנד פאַר'ן יידישען פאָלק און פאַר זײַן שפראַך, איידער אונדזערע אייגענע, אויפגעקלערטע ברידער.

פון דאַמאָלסט אָן האָט מען געוואָרפען אַנ'אומ'חן אויף יידיש און מ'האָט אָנגעהויבען רודפ'ען די פאָלקס-שפראַך. מ'האָט זי נישט אַרײַנגעלאָזט אין דער קאַזיאָנער שול, און אין דער זעלבער צײַט האָט מען פאַר'מאוס'ט און פאַרוואָרלאָזט די חדרים און תלמוד-תורות, וואָס דאָרט האָט מען געלערענט אויף יידיש. מ'האָט מיטגעהאָלפען דער רעגירונג, אָדער לכל הפחות נישט געשטערט, אַז יידיש לא יזכר ולא יפקד אין דער עפענטלעכקייט. אַ ייד האָט נישט געטאָרט רעדען אין אַ יידישער שטאָט אויף אַנ'אָפענער אַסיפה אויף יידיש, ווער שמועסט שוין אויף פאָסט, אויף דער באַן מיט אַ טשינאָווניק. מ'האָט נישט געלאָזט שפילען קיין יידיש טעאַטער און געצוווּנגען די שפילער צו ברעכען דעם צונג אויף „דײַטש" מיט הוילע פתח'ען. אַ לאַנגע צײַט, ביז דעם יאָר 1905, האָט מען אויף יידיש נישט געטאָרט דרוקען קיין צײַטונגען.

אין דאָס, וואָס די ערשטע תמימות'דיקע משכילים האָבען

געטון בשוגג, זיי האָבען געמיינט גוטס טון דעם פאָלק, נאָר זיי האָבען געגרייזט, זיי זענען געגאַנגען מיט אַ פאַלשען וועג— דאָס האָבען זייערע געבילדעטע אייניקלעך געטון במזיד. די ערשטע משכילים זענען געווען געטרייע יידען, זיי זענען אויס-געוואַקסען אויף תורה און השכלה און האָבען קוים געשמעקט אַ ביסעל בילדונג פון ביכער אויף פרעמדע שפראַכען, זיי האָבען נאָך אַליין מיט איין פוס געשטעקט אין בית־המדרש און זענען געווען איבערגעגעבענע פאָלקס-מענטשען. השכלה, בילדונג האָבען זיי געמיינט,—נישט זייער אינטערעס, נאָר דעם פאָלקס טובה. זיי אַליין איז אויסגעקומען אויסצושטיין געברוינטע לייד, אַלערליי רדיפות און פלאָג פון די פאַנאַטיקער און צבוע׳קעס, זיי האָבען זיך ממש מוסר-נפש-געווען, כדי דאָס פאָלק צו בילדען, דאָס פאָלק זאָל די ליכטיקע שיין דערזען. זיי, די דאָזיקע תמימים, יושבי אוהל, מיט זייער קנאַפּ ביסעל וויסען, האָבען טאַקע ער-לעך געמיינט, אַז זיי וועלען דאָס גאַנצע פאָלק אויסבילדען, פי-רען אויף אַ נייעם דרך, אַזוי ווי זיי האָט אויסגעוויזען פאַר גוט און וויל. זיי האָבען נאָר געקאָנט אַ טעות האָבען און מיינען, אַז דאָס פאָלק וועט מיטאַמאָל פאַרגעסען זיין שפראַך, יידיש, ס׳וועט זיך אויסלערנען אַ פרעמדע שפראַך, רוסיש אָדער פויליש. אַז דאָס זאָל ווערען זיין מוטער-שפראַך, אַזוי ווי פריער יידיש. זיי האָבען געמיינט נישט זיך, נאָר דאָס פאָלק, זיי זענען גע-ווען אין אָנהייב, נישט געהאַט קיין שום געניטקייט און געמעגט גרייזען.

אָבער זייערע אויפגעקלערטע אייניקלעך פון דעם אָדעסער שניט זענען שוין געווען אַנדערע מענטשען. זיי איז שוין ביל-דונג אָנגעקומען זייער גרינג. זיי זענען שוין אַדורכגעגאַנגען גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען און זיי האָבען זיך שוין גאָר און גאָר אָפּגעטרייסעלט פון יידישקייט: נישט קיין תורה און נישט קיין השכלה. זעלטען ווער פון זיי ס׳האָט שוין געקאָנט קדיש־זאָגען נאָך דעם טאַטען, נאָך דעם יידען, דעם משכיל און

בן-תּורה, זײַ זענען שוין געווען גאָר און גאָר הײַנטוועלטיקע מענטשען, האָבען שוין פֿאַרשטאַנען אַ וועלט. און זײַ האָבען שוין געקאָנט זען, צו וואָס די רדיפות אויף ייִדיש האָבען געבראַכט. און געבראַכט האָט מען עס צו אַזאַ זאַך: אײַנצעלנע ייִדען, געציילטע „מוצלחים פֿון גבירישע, בעל-הבית׳ישע קינדער, זענען געוואָרען טאַקע גרויסע געבילדעטע לײַט, נאָר זײַ זענען געוואָרען אויס ייִדען, זײַ האָבען זיך גאָר און גאָר אָפּגעריסען פֿון דעם כּלל, דערווײַטערט זיך אפילו פֿון ייִדען. ס׳רוב זענען דאָס געווען קאַריעריסטען, מענטשען, וואָס האָבען בכלל געקלערט נאָר פֿון זיך, נישט פֿון קיינעם, פֿון ייִדען אודאי נישט. וואָס פֿאַר אַ חבר איז מיט זײַ אַ ייִד מיט באָרד און פּאות אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס ער קאָן אפילו קיין רוסיש אָדער פּויליש נישט רעדען? און אפילו די בעסטע פֿון זײַ, די אידעאַליסטען, די פֿײַנע-לײַט, וואָס האָבען געאַרבעט און זיך מקריב-געווען פֿאַר׳ן כּלל, האָבען עס געטון פֿאַר אַנדערע, פֿאַר רוסען, פֿאַר פּאָליאַקען, נאָר נישט פֿאַר ייִדען. אַזוי איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנצער ד.ר געבילדעטע ייִדען, וואָס זענען געווען פֿרעמדע מענטשען צווישען איינען פֿאָלק, וואָס האָבען דעם ייִדען נישט פֿאַרשטאַנען, נישט געקאָנט זיך אויפֿרעדען מיט אים. דערהויפּט איז די פֿאַרפֿרעמדקייט גרויס-געווען צווישען געבילדעטע ייִדישע טעכטער, וואָס זענען קינדווייס אפילו אין חדר נישט געגאַנגען, און האָבען נישט געוווסט פֿון ייִדען וואָס צו זאָגען, חוץ, אַז דאָס איז אַ מאָדנע ווילד פֿאָלק, וואָס האַלט זיך בײַ זײַנע „נאַרישע“ מנהגים און „פֿרעמדער“ שפּראַך און גייט-אַרום נישט אויף זײַן וועלט.

וואָס מער ס׳איז געוואָרען בײַ אונדז הויך-געבילדעטע לײַט, אַלץ מער איז דאָס פֿאָלק, דער גרויסער המון, געזונקען אין פֿינצטערניש און אין אומוויסען. און דאָ שטעקט דער וויכטיקסטער חלוק צווישען די ײַדעס, די משכּילים און [illegible]ערע געבילדעטע איינקלעך. יענע, די זיידעס, האָבען געאַר-

בעט פֿאַר דעם פֿאָלק, די אייניקלעך האָבען געטון פֿאַר זיך.
פֿאַר זיך האָט מען געלערענט שפּראַכען און וויסענשאַפֿטען,
פֿאַר זיך האָט מען זיך געבילדעט, פֿאַרשטענדיגט-זיך מיט אַ
וועלט. פֿאַר דעם פֿאָלק האָט מען גאָרנישט געטון. און דאָס
דופּט-אומגליק האָט דאָ געשטעקט אין דער שפּראַך. דאָס פֿאָלק
האָט, פֿאַרשטייט זיך, זיין שפּראַך, זיין ייִדיש, נישט געביטען
אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך, אַזויווי די משכּילים האָבען עס גע-
וואָלט. דאָס פֿאָלק האָט עס נישט געקאָנט טון אַפּילו בעַ
זיין בעסטען ווילען, וואָרום נישט מיט'ן גוטען ווילען באַקומט
דאָס פֿאָלק אַ שפּראַך און בייט זי אויס אויף אַנ'אַנדערער. פֿון
געציילטע „קאַזיאָנע" ייִדישע שולען זענען אַריס קאַליקעס, וואָס
האָבען נישט קיין רוסיש, נישט קיין ייִדיש נישט געקענט. קו־
מען צום פֿאָלק, לערנען, בילדען דאָס פֿאָלק, האָט מען געקאָנט
נאָר מיט דער פֿאָלקס-שפּראַך, מיט ייִדיש. אָבער אויף ייִדיש
איז געלעגען אַ חרם, ייִדיש איז געווען טריף. דער גוטער רצון
פֿון די זיידעס, די משכּילים, איז שוין נישט געוואָרען, די מעלות
זייערע האָבען שוין די אייניקלעך נישט פֿאַרמאָגט, נאָר דער
טעות, דער פֿאַלשער וועג, די פֿיינטשאַפֿט און פֿאַראַכטונג צו
ייִדיש—דאָס איז געבליבען, און פֿאַר דער דאָזיקער וויכטיקער
ירושה האָט מען זיך געהאַלטען שטאָל און אייזען. אַסימילִיאַציע,
רוסיש אָדער פּויליש, איז נאָך אַלץ געווען אין זייערע אויגען אַ
סגולה פֿאַר „פּראָוועס" און אַ פּאַטענט אויף צו זיין אַ היינטוועל-
טיקער, אויפֿגעקלערטער מענטש, און האָט מען זיך שוין יאָ גע-
פּרווט טון עפּעס פֿאַר'ן פֿאָלק, איז אַלץ אויף דער פֿרעמדער
שפּראַך. מ'האָט געמאַכט שולען אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך פֿאַר
עטלעכע הונדערט קינדער, געדרוקט ביכער און צייטונגען פֿאַר
געציילטע מענטשען, נאָר חלילה נישט אויף ייִדיש. מיט אַ זעל-
טענער עקשנות האָט מען געוואָלט מיט דעם קאָפּ ברעכען די
וואַנט, מיט אַנ'עמער אויסשעפּען אַ ים. איז טאַקע דאָס
פֿאָלק געבליבען פֿינצטער און וויסט, אַזויווי

געווען. הונדערטער טויזענטער קינדער האָבען געשמאַכט אין די חדרים און תלמוד-תורות, וואָס מ'האָט געלאָזט באַ די פרומע און פרומאַקעס אין די הענט. וואָס האָט דער פאָלקס-מענטש געקאָנט דאָרט זיך אויסלערנען?

טאָמער האָבען זיך געפינען איינציגע אויפגעקלערטע יידען, דערהויפט שרייבער, וואָס האָבען געזען, וועהין דאָס פירט, און האָבען זיך גענומען רעדען צו דעם פאָלק אויף זיין שפּראַך, אויף יידיש; האָט מען געקוקט אויף זיי מיט רחמנות, אַזויווי אויף משוגעים, אָדער אויף בטלנים, אויב נישט גאָר, ווי אויף מסיתים ומדיחים, וואָס דערלענגערען דעם גלות.

דער חרם אויף יידיש איז געווען אַזוי שטאַרק, מ'איז אַזוי פאַרגלייבט געווען, אַז נאָר דורך רוסיש אָדער דורך פּויליש עפענען זיך די טויערען פון בילדונג, פון וויסען, פון אַ וועלט, מ'האָט אַזוי פאַר'מאוס'ט די יידישע שפּראַך, אַז דאָס פאָלק גופא איז אַראָפּגעפאַלען באַ זיך אין די אייגען מיט זיין שפּראַך און האָט נישט באַוויזען זיך רעכט אָקייגענשטעלען. וואָס פאַרשטייט ער, אַ פשוט'ער ייד, אַז די געבילדעטע, די אינטעליגענטען זאָגען, אַז יידיש איז—פע! און אגב האָט דער פשוט'ער ייד געזען, אַז די פרעמדע שפּראַך איז אַ תכלית-זאַך: אַ גימנאַזיסט, אַ סטודענט, ווער שמועסט שוין אַ דאָקטער—דאָס איז הן צו אַ שדוך, הן צו פרנסה! רוסיש, די פרעמדע שפּראַך בכלל, איז געוואָרען אַ פּריווילעגיע, אַ זכה-בגורל. קיין יידישע גימנאַזיעס, ווער שמועסט שוין יידישע אוניווערזיטעטען זענען נישט געווען, אפילו נישט קיין רעכטע יידישע פאָלקס-שולען. און דער ייד האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז ס'קאָן יאָ זיין; אַז ער דאַרף עס מאָנען. די געבילדעטע יידען האָבען דאָס אים נישט געלערענט, אדרבא! חלילה, אַז אַזוינס זאָל גאָר אויף דעם געדאַנק קומען. דער ייד האָט זיך געהאַלטען באַ זיין שפּראַך, נאָר קיין נחת האָט ער שוין פון איר

נישט געהאַט, און זיין קינד האָט ער שוין געלאָזט אויף גאַס בּאָרוועס שווימען מיט דעם שטראָם.

די ניי־מאָדישע נאַציאָנאַליסטען און ציוניסטען.

נישט קיין בּעסערע מערכה האָט ייִדיש געהאַט שפּעטער, ווען ייִדישע משכּילים און געבּילדעטע האָבּען נאָך די פּאָגראָמען, 30—40 יאָר צוריק, אַ וואָרף־געטון זיך צוריק צו ייִדישקייט און געוואָרען פאַרבּרענטע „נאַציאָנאַליסטען”. דאָס איז געווען זייער אַנ׳אומגעזונטער „השיבנו נאַזאַד”. מ׳האָט זיך אָפּגעטרייסעלט נישט בּלויז פון דער אַסימיליאַציע, נאָר פון דער בּעסטער השכּלה־ירושה אויך. פריער האָבּען יענע משכּילים צוליבּ דער גרויסער, שיינער וועלט געגומען פאַרלייקענען דעם ייִדען, איצט האָט מען, פאַרקערט, מיטאַמאָל מבטל־געמאַכט אַ וועלט און מיט אַ בּרען זיך גענומען דוכנ׳ען פאַר דער גוטער, אַלטער ייִדישקייט. די וועלט האָט אונדז אָפּגענאַרט!—האָבּען זיך על־חטא געשלאָגען די נייע נאַציאָנאַליסטען, על־פּי־רוב געוועזענע גוטע אַסימי־ליאַטאָרען. בּילדונג—איז קיין בּילדונג נישט, אמת—איז קיין אמת נישט, יושר—קיין יושר נישט. מ׳האָט אונדז ייִדען פיינט־געהאַט און גע׳רודפ׳ט די גאַנצע וועלט, און אַזוי וועט עס בּלייבּען אויף דור־דורות. מיר האָבּען נאָר איין וועג פאַר זיך: אָפּטרעטען דעם שונא דעם פּלאַץ, אַנטלויפען, ראַטעווען דאָס ייִדיש־קייט. און ווו איז נאָך אַזוי גוט צו ראַטעווען ייִדישקייט, ווי אין ארץ־ישראל?

דער נייער כּפול־שמונה׳דיקער נאַציאָנאַליזם, די אויפגעקו־מענע אפּיקורס׳ישע ייִדישקייט, איז געבּוירען־געוואָרען נישט אינעווייניק אין פאָלק, נישט פון זיינע שטענדיקע לעבּענס־בּאַ־דערפענישען, נאָר פון דרויסען, פון די גאַסען־שטיינער, וואָס אויפגערייצטע כוליגאַנעס האָבּען אויף ייִדען געוואָרפען, נישט געשאָנעוועט די מיוחסים־אינטעליגענטען אויך. ממילא איז ער

געווען פרעמד דעם פאָלקס-לעבען, סײַ אין זײַנע פּאָליטישע חלומות: אַנטלויפען פון דאַנען אין הײליגען לאַנד-אַרײַן,—סײַ אין זײַן קולטור-פּראָגראַם. דאָס פּראָגראַם בכלל איז געווען הוי-לע רוחניות. צוליב די חלומות וועגען הײליגען לאַנד, וואָס זאָל מיטאַמאָל ווערען אַ יידישע מלוכה, האָט מען אַרויסגעוואָר-פען דעם גלות, ד. ה. צוויי טויזענט יאָר יידישע געשיכטע, מבטל-געמאַכט דאָס גאַנצע יידישע לעבען. יידיש האָט מען פײַנט-געהאַט נאָך פון פריער, פון די אַסימיליאַטאָרישע יאָרען אָן. איצט איז קײגען יידיש צוגעקומען נאָך אַ טענה, און דוקא אַנ'-עכט-נאַציאָנאַליסטישע: יידיש איז דאָך געקומען יידען אין „גלות“ און אַזוי ווי דער „גלות“ קאָן קײן קיום נישט האָבען, ווערט יידיש אודאי בטל-ווערען. און אַזוי ווי פון דעם „גלות“ דאַרף מען פּטור ווערען, דאַרף מען פון דער „גלות-שפּראַך“, (ד. ה. יידיש) אויך פּטור-ווערען. דאָרט, אויף די בערג פון ציון וועלען מיר באַ-נײַען אונדזער אַלטע נביאים-שפּראַך, אַזוי ווי אַמאָל, און דאָ אין „גלות“ מאַכט שוין נישט א.יס. מ'וועט שוין ווי עס איז אָפּשטו-פּען די עטלעכע יאָר. און ס'איז טאַקע אַ יושר, אַז שוין דאָ אין „גלות“ זאָל מען אײַנפירען די העברעישע שפּראַך, מיר זאָלען שוין דאָ האָבען די אתחלתא דגאולה.

אויף אַזאַ שטײַגער האָט מען געגומען מיט אַ נײַעם ברען ווײַטער רודפ'ען די פאָלקס־שפּראַך, און דאָסמאָל שוין נישט לשם אַסימיליאַציע, לשם גויִשקײט, נאָר אדרבא, נאָר צוליב יידישקײט. צוליב דער אמת'ער כּפול־שמונה'דיקער ארץ-ישראל-יידישקײט. יידיש איז שוין נישט געווען די מניעה צו פאַר'גוי'שען זיך, אַזוי ווי בײַ די אַלטע אַסימיליאַטאָרען, נאָר פאַרקערט, יידיש איז שוין אַ חסרון צו זײַן אַ רעכטער ייד, וואָ-רום אַ רעכטער ייד דאַרף גאָר רעדען לשון-קודש. ווער ווײסט עס נישט?

שפּעטער, דאָס הײסט, מיט אַ יאָר 15—20 צוריק, ווען ס'איז אויפגעקומען דער פּאָליטישער ציוניזם, דער ציוניזם פון

דיפּלאָמאַטיע און באַזעלער קאָנגרעסען, און אַלע טאָג האָבען זיך ציוניסטען געריכט, אַז אָט אָט גיט אונדז דער סולטאַן אָפּ ארץ-ישראל, האָט מען זיך גענומען מלחמה-האַלטען קעגען ייִדיש אויף אַנ'אַנדער אופן. מ'האָט איינגעפירט „חדרים מתוקנים" און מ'האָט אָנגעהויבען קנעלען מיט ייִדישע קינדערלעך נאָר אויף לשון-קודש. ייִדיש האָט נישט געטאָרט געדאַכט-ווערען. פון דער דאָזיקער שפּיל איז גאָרנישט געוואָרען: די עטלעכע בעל-הבית'ישע ייִנגלעך האָבען זיך אָפּגעמאַטערט אַ פּאָר יאָר אין די חדרים מתוקנים, נאָכדעם זענען זיי אַרײַן אין די גימנאַזיעס און בשלום פאַרגעסען די עטלעכע צענדליק העברעישע ווערטער, וואָס זיי האָבען אויסגע'חזר'ט אין די נײַ-מאָדישע חדרים. אָבער די ציוניסטען און העברעיסטען האָבען זיך געלערענט דערפון גאָר אַ פאַרקערטען מוסר-השכל: אַז די ייִדישע פאָלקס-שול מוז זײַן דוקא אויף העברעיש. וואָס זיי האָבען נאָר געקאָנט טון אויף אויסצעראָטען ייִדיש פון די שולען, פון די תלמוד-תורות האָבען זיי געטון און מ'האָט גענומען טרײַבען די שפּיל ווײַטער: ייִדען, סתם-ייִדען, זאָלען אָנהייבען רעדען לשון-קודש. עטלעכע בחורים און בעל-הבית'ישע טעכטער האָבען גענומען ברעכען דעם צונג אויף העברעיש, אין ציונים האָבען אָנגעקוואָלען. נאָר אַזויווי איינפירען העברעיש איז נישט פון די גרינגע זאַכען, האָט מען זיך געמאַכט אַ הסכם: „עברית או רוסית", העברעיש אָדער רוסיש! בעסער רוסיש רעדען און לערנען, אַבי נישט ייִדיש. אַזוי אַרום זענען די כפול-שמונה'דיקע נאַציאָנאַליסטען געקומען פּראַקטיש דערצו, וואָס זייערע טאַטעס, די אַסימילאַטאָרען, האָבען עס געטון מיט אַ כּיון: מ'האָט נאָך מער פאַר'גוי'שט דאָס ייִדישע לעבען, מ'האָט נאָך מער געטריבען די ייִדישע שפּראַך פון דער פאָלקס-שול און פון דער תלמוד-תורה, פון דעם וואָרט און בוך, פון וואַנען מ'האָט נאָר געקאָנט. און דאָס אַלץ מיט דער בעסטער כוונה: אַז מ'וועט פּטור-ווערען פון ייִדיש, וועלען ייִדען ווערען הוילע לשון-קודש-מענטשען.

דאַמאָלס זענען אויפגעקומען די „יידישיסטען", דאָס הייסט די פאָלקס-מענטשען, יידישע שרייבער, לערער, אינטעליגענטען און סתם-יידען פאָלקס-קינדער, וואָס האָבען געזאָגט: גענוג זיך נוקם-געווען אין יידישען פאָלק! גענוג געשפּעט און געלאַכט, פון דעם פאָלק און פון זיין שפּראַך! גענוג, אַז יידען זאָלען זיין קאַליקעס צוליב אַסימיליאַטאָרישע אָדער העברעיסטישע חלומות, זיי זאָלען זיין שטום און בלינד, נישט קענען און נישט וויסען גאָרנישט, נישט קאָנען זיך אַליין אַרויסהעלפען און קיין פּנים נישט האָבען באַ דער וועלט דערפאַר, וואָס אַ הייפעל אַסימיליאַטאָרען און סתם פאַנטאַזיאָרען ווילען דערלעבען אַ נחת, אַז אַ ייד זאָל מיטאַמאָל ווערען אַ רוס, אַ פּאָליאַק אָדער אַ לשון־קודש־מענטש,—גענוג! אַ ייד האָט זיין שפּראַך, יידיש,—גלייך מיט אַלע, און פון דער דאָזיקער שפּראַך דאַרף ער זיך שפּייזען!

II.

וואָס ווילען „יִדישיסטען"?

יִדישע שולען און בילדונג.

וואָס-זשע ווילען האָבען די יִדישיסטען? לאָמיר גיין בהדרגה. לאָמיר אָנהייבען פון פאָלקס-שולען, פון בילדונג בכלל.

„יִדישיסטען" גייען מיט דעמזעלבען וועג, וואָס ס'זענען געגאַנגען אונדזערע בעסטע משכּילים, די אמת'ע פאָלקס-פריינט. זיי ווילען, אַז אַ יִד זאָל זיין אַ מענטש. די צייטען ווען אַ יִד איז געלעגען, ווי אַ וואָרעם אין כריין, אין די ד' אמות פון בית־המדרש און יִדישקייט, און האָט געמיינט, אַז ס'איז קיין זיסערס נישטאָ — די יאָרען האָבען זיך שוין געפעלט. היינטיקע צייטען לעבט שוין נישט אַ יִד צוליב עולם-הבא, ער וויל אויך געניסען פון דער וועלט. ממילא, דאַרף אַ יִד קענען און וויסען נישט נאָר יִדישקייט, אַזויווי אַמאָל, נאָר טאַקע אַלץ, וואָס אַ היינטוועלטיקער מענטש דאַרף וויסען, צו וואָס פאַר אַ פאָלק ער זאָל נישט געהערען. דאָס דאָזיקע וויסען באַקומט אַ פאָלקס-מענטש קודם-כל פון דער פאָלקס-שול. מ'דאַרף דעריבער האָבען היינטוועלטיקע פאָלקס-שולען, וואָס דאָס יִדי-שע קינד זאָל דאָרט אַנטוויקלען זיין שכל און זיינע חושים, זיין נשמה און זיין גוף און זאָל זיך אויסלערנען דאָס וויכטיקסטע, וואָס עס האָט נייטיק אין לעבען: ליינען און שרייבען, רעכע-נען און וויסען פון אַ וועלט (געאָגראַפיע, געשיכטע, די נאַטור

וכדומה). נאָר אָנשטאָט דעם, וואָס די אַלטע משכּילים האָבּען געמיינט, אַז דאָס אַלץ מוז מען איבּעראַרבּעטען אין קינדס כּח אויף אַ פרעמדער שפּראַך, זאָגען די יידישיסטען: ניין, נישט אויף אַ פרעמדער, נאָר אויף דער אייגענער שפּראַך, אויף יידיש. דער גרעסטער פעלער פון די משכּילים איז געווען די פרעמדע שפּראַך, דעריבּער האָבּען זיך יידישע קינדער גאָרנישט אויסגעלערענט. אין דער יידישער פאָלקס-שול דאַרפען אַלע למודים, אַלע געשפּרעכען פון די לערער מיט די קינדער, הכּלל, אַלצדינג געפירט-ווערען אויף דעם קינדס מאַמע-לשון, אויף יידיש. מיר דאַרפען נישט אָנקומען צו קיין פרעמדער שפּראַך.

נישט מיר דאַרפען, נישט מיר קאָנען אָנקומען צו אַ פרעמדער שפּראַך, צו רוסיש, פּויליש וכדומה. מיר דאַרפען נישט, ווארום מיט וואָס איז יידיש ערגער פאַר אַנדערע שפּראַכען? קאָן מען דען אויף יידיש נישט רעדען, שרייבּען, טראַכטען, פילען אַזוי גוט, ווי אויף יעדער אַנדער שפּראַך? זאָלען מיר דען זאָגען, אַז יידען—סוחרים, לומדים און גאונים האָבּען געהאַט אַן ערגערע שפּראַך, אַן אָרעמערע שפּראַך, איידער דער רוסישער, פּוילישער פּויער, וואָס איך זיין שפּראַך לערענט מען יאָ אין דער פאָלקס-שול. זאָלען מיר דען זאָגען, אַז יידען, וואָס זיי רעדען נאָר יידיש, האָבּען נישט גענוג שטאָף אין דער שפּראַך אויף אַרויסצוגעבּען די טיפסטע געדאַנקען, די געהויבּענע געפילען? הייסט עס, אַז זיי, יידען שטייען נידעריגער פאַר פּויערים? ווער וועט זיך איינשטעלען אַזוינס צו זאָגען, אַז די שפּראַך, למשל, פון א' רמ"א פון אַ ווילנער גא.ן, פון אַ בעל-שם-טוב און ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער איז אָרעמער און שטייט נידעריגער פאַר אַן אַנדער שפּראַך.

אלא וואָס דען, פלעגען טענה'ן יידישע געבּילדעטע לייט, יידיש איז נאָך נישט צוגעפּאַסט צו דער נייער היינטיקער וועלט,

צו וויסענשאַפט, צו העכערע ענינים, בכלל. בעת קריסטען האָבען א יסגעאַרבעט אַ היינטוועלטיקע ליטעראַטור און וויסענשאַפטען, איז די שפּראַך בּאַ זיי געוואַקסען פּאַמעלעך צוזאַמען מיט זייער נייער קולטור, און ביסלעכווייס, גאָר אומבּאַמערקט זענען צוגעקומען נייע ווערטער, נייע אויסדריקען. אין דער דאָזיקער צייט האָבען יידען נאָך אַלץ געהאַלטען אין אַמפּערען זיך איבּער אַ שטיקעל מהר״שא, אַזוי ווי הונדערטער יאָרען צוריק. די יידישע שפּראַך איז, דעריבער, ווי פאַרגליווערט-געוואָרען בּאַ די אויסדריקען פון בית-המדרש און פונ׳ם מאַרק. קיין נייע ווערטער, קיין נייע ווענדונגען זענען נישט צוגעקומען, די יידישע שפּראַך איז געבליבען הינטערשטעליק אַקעגען אַ וועלט נייע זאַכען און אויפטוען.

איז דער תירוץ: דאָס איז נאָר אַ האַלבער אמת, און דער קאָן אונדז אויך קיין שאָדען נישט ברענגען. מיט צענדליקער יאָרען צוריק איז טאַקע אַ ייד געווען אומבאַהאָלפען, ווען ער זאָל זיך געוועין פּרווען איבערגעבען, למשל, וויסענשאַפטען אויף יידיש. אָבער די לעצטע יאָרען איז יידיש נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. פאַרקערט! יידיש האָט זיך אַ שטאַרקען רוק-געטון פאָרויס און האָט זיך גוט אויסגעאַרבעט. יידישע שרייבער, מענדעלי מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, שלום-עליכם און אַנדערע, אמת׳ע קענער פון דער פאָלקס-שפּראַך און מענטשען מיט טאַלענט, האָבען אַנטפּלעקט אוצרות שפּראַך. זיי האָבען איבערגעגעבען די טיפסטע זאַכען פון היינטיקער וועלט אויף אונדזער שפּראַך, זיי האָבען שוין געוויזען, וואָס פאַר אַ כח ס׳ליגט אין אונדזער שפּראַך, ווי מ׳קאָן זי פאַרברייטערען, אַז זי זאָל תופס-זיין אַ וועלט, מ׳דאַרף זי נאָר קענען און פאַרשטיין איר גייסט. יידישע צייטונגען, וואָס אָהן זיי קאָן שוין קיין ייד נישט אויסקומען די לעצטע 15 יאָר, שרייבען וועגען אַלצדינק: וועגען פּאָליטיק און בערזע, וועגען מסחר, וועגען מלוכה-זאַכען און היימישע ענינים, הכלל זיי שרייבען וועגען

בען אַלצדינק אויף דער וועלט ניט ערגער פאַר צייטונגען אויף
אַנדערע שפּראַכען. די לעצטע יאָרען זענען אויף יידיש צוגע-
קומען ביכער וועגען וויסענשאַפטען, וועגען פילאָזאָפיע, וועגען
עקאָנאָמישע פראַגען, וועגען געשיכטע, געאָגראַפיע, חשבון, נאַ-
טור-וויסען, אפילו וועגען פילאָזאָפיע, וועגען גראַמאַטיק און
שפּראַך-אייגענשאַפטען פון יידיש אויך. אמת, אַז דאָס איז נאָר
אַן אָנהייב, אַקעגען אַנדערע שפּראַכען זענען מיר נאָך אָרעם,
אָבער אָרעם איז אונדזער ליטעראַטור, נישט די שפּראַך, קיין
פאַרטיג מאַטעריאַל, קיין געדרוקטע ביכער וועגען די אַלע זאַכען
האָבען מיר נאָך נישט גענוג, אָבער די שפּראַך איז דאָ נישט
שולדיג, די שפּראַך פאַרמאָגט אין זיך אַלץ, אַזוי ווי יעדע אַנדע-
רע: והא-ראיה, דאָס וואָס איז שוין געטון-געוואָרען! נאָר וואָס
דען? מיר האָבען אונדזער יידישע שפּראַך נישט גענוצט, ווי
ס'דאַרף צו זיין, איבער די אַסימיליאַטאָרען און העבראַיסטען.
די שפּראַך איז אַזוי ווי אַ לעבעדיקער אבר, וואָס ווערט פאַרשלאָ-
פען און אָפּגעשוואַכט, אַז מ'נוצט אים נישט. אָבער אַ האַנט בלייבט
אַ האַנט, און וואָס מער איר וועט מיט איר אַרבעטען, מער
ווערט זי געשיקטער, פלינקער. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער
יידישער שפּראַך. ביז מיר האָבען זי נישט גענוצט פאַר הײנט-
וועלטיקע זאַכען, איז זי געווען אָרעם; שוואַכע מוחות וואָס זע-
נען אַליין נישט ביכולת עפּעס אויפצעטון, נאָר מוזען נעמען
אַלצדינק פאַרטיגערהייט פון פרעמדע ביכער, זיי האָט געקאָנט
אויסוויזען, אַז יידיש טויג נישט. אָבער ווי נאָר מיר האָבען
אָנגעהייבען צו שרייבען און צו רעדען אויף יידיש וועגען הײנט-
וועלטיקע זאַכען, האָבען שוין אַלע געמוזט אַרויסזען, אַז מ'האָט
אויסגעקלערט אויף יידיש אַ בלבול, און אַז באמת טויג דאָס
אַזוי גוט, אַזוי ווי יעדער אַנדערע שפּראַך. הײנטיקע צייטען רע-
דען און שרייבען שוין אויף יידיש אַ סך געבילדעטע מענטשען,
און זיי פילען גאָרנישט, אַז זיי פעלט עפּעס. די שפּראַך וואַקסט
פון זיך אַליין, אַזוי ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, און וואָס מער

זיי דאַרף האָבען, אַלץ מער ציַיט זיי עס טאָקע פון אייגענע כּחות. ניִשט ווייניִק געוועזענע און איצטיִקע שׂונאים פון דער ייִדיִשער שפּראַך מוזען נעבעך אַליין אָנקומען צו איר, ווען מ׳דאַרף רע-דען מיִט׳ן פאָלק. מ׳פאַרבייגט די חרפּה אָן אַ זייט און מ׳פאַר-געסט אגב, וואָס מ׳האָט פריִער אַליין געזאָגט, אַז ייִדיש טויג ניִשט.—אַז מ׳דאַרף, טויג עס.

הקצור, די נורא, די אויפריִכטיִקע אָדער די געמאַכטע, אַז מיִט ייִדיִש קאָן מען ניִשט אויסקומען, איז פאַלש. ייִדיִש איז שוין איצט שטאַרק אויסגעוואַקסען, און וואָס מער מיִר וועלען די שפּראַך נוצען, וועט זי וואַקסען און אַרויסברענגען פון זיך גופא אַלץ, וואָס מיִר האָבען נייטיִק. ניִשט מיִר זאָלען וואַרטען, ביִז עמיִצער וועט אַנדז צוקלערען אַ דיִקען ווערטער-בוך מיִט ווערטער פאַר געשיִכטע, געאָגראַפיע, פאַר פיִזיִקע וכדומה, און נאָכדעם ערשט וועלען חכמים פּסק׳נען די שאלה, צי לוינט לער-נען דערמיִט אין דער שול. באַ קיין פאָלק און אין קיין שפּראַך איז דאָס ניִשט געווען אַזוי. לערער נעמען לערנען, און אַז זיי דאַרפען דאָס וואָרט, ווערט עס באַ די לערער מיִט די תּלמידים צוזאַמען,—קיינער ווייסט אפילו ניִשט, וויאַזוי דאָס איז געוואָרען. אָט דאָס איז דער כּוח פון אַ לעבעדיִקער שפּראַך. היוצא מזה, אַז מיִר דאַרפען ניִשט אָנקומען צו קיין פרעמדער שפּראַך, מיִר האָבען אייגענס גענוג.

מיִר קאָנען ניִשט אָנקומען צו קיין פרעמדער שפּראַך.

דאָס איז, אָבער, נאָך ניִשט אַלץ. מ׳דאַרף זיך קלאָר-מאַ-כען, אַז אפילו ווען מיִר זאָלען וועלען, קאָנען מיִר ניִשט אָנקומען צו קיין פרעמדער שפּראַך, דערהויפּט אין דער שול, און בפרט נאָך באַם אָנהייב, אין דער פאָלקס-שול. מיִר מוזען לערנען אויף ייִדיִש, אויף מאַמע-לשון, וואָס דאָס קיִנד האָט אין מויל, אויב מיִר ווילען נאָך, אַז די אַרבעט מיִט׳ן קיִנד זאָל

ניט זיין ארויסגעווארפען, אז דאס קינד זאל האבען א פעולה אין דער שול און זאל טיגען צו דער וועלט.

פארוואס? אמאליקע צייטען האט מען גארנישט באדארפט קיין חקירות און קיין ראיות: יידען האבען געלערענט אין חדרים און אין ישיבות אויף יידיש; דאווגען, חומש, גמרא, פוסקים, חקירה-ספרים האט מען פארטייטשט אויף יידיש, ווי דען? זענען אבער אויפגעקומען בא אונדז פארדרייטע קעפ און מ'האט אנגעהויבען באווייזען, אז צוויי מאל צוויי איז נישט פיר, און אז לערנען מיט'ן קינד דארף מען דוקא אויף אזא שפראך, וואס עס פארשטייט נישט, דאס הייסט, אויף רוסיש, פויליש אדער העברעיש. דער ייד, ווידער, פון א גאנץ יאר, איז נאך צו קיין היינטוועלטיקער יידישער פאלקס-שול נישט געוויינט. ער ווייסט: אדער א חדר און תלמוד-תורה פאר דאווגען מיט חומש מיט רש"י ד. ה. פאר יידישקייט—אדער א רוסישע „קאזיאנע" שול פאר מענטשלעכקייט, פאר דער היינטיקער וועלט. קיין היינטוועלטיקע שולען, וואס מ'זאל דארט לערנען אויף יידיש, האט די אלטע צארישע רעגירונג נישט געלאזט, און געבילדעטע יידען האבען עס נישט געוואלט. האט זיך טאקע בא דעם יידען עפעס אויסגעבילדעט אין קאפ, אז וויבאלט מענטשלעכקייט, וויבאלט היינטוועלטיקע וויסענשאפטען און עדוקאציע איז נישט אנדערש, נאר אויף א פרעמדער שפראך, נאר אויף רוסיש, פויליש וכדומה, מוז מען קומען איצט באווייזען דאס, וואס דער וועלט איז שוין לאנג קלאר, דאס הייסט, אז צוויי מאל צוויי איז פיר, און אז לערנען מוז מען מיט דעם קינד נאר אויף זיין מוטער-שפראך—אזא מזל האבען מיר שוין!

אומעטום, בא אלע פעלקער, אויף גאר דער וועלט, איז א כלל גדול, אז לערנען און מדרך-זיין, דערהויפט אנהייב-קינדער אין דער פאלקס-שול, דארף מען און קאן מען נאר אויפ'ן קינד'ס מוטער-שפראך, דאס הייסט, אויף דער שפראך, וואס עס איז אויסגעוואקסען אויף איר, וואס עס

הערט זי באַ זיך אין שטוב, אין זײַן סביבה. פֿאַרוואָס? ראשית, דערפֿאַר פשוט, ווײַל דאָס איז גריִנגער. אַז מ׳וויל עפּעס אויסלערנען אַ נײַע זאַך, דאַרף דער לערער נאָר שלײַפֿען זײַן שכל, נאָר מסביר־זײַן דעם נײַעם ענין, די שפּראַך האָט ער שוין אַ פֿאַרטיגע, דאָס קינד פֿאַרשטײט דעם לערערס יעדעס וואָרט, אָפּט נאָך אויפֿ׳ן ווינק. וויל, למשל, דער לערער ווײַזען דעם קינד, אַז צוויי מיט צוויי איז פֿיר, דאַרף ער אים נאָר די זאַך בענטער מאַכען, אַז דאָס קינד אַליין זאָל עס זען. דער לערער הייסט, למשל, דעם קינד פֿאַרבײגען פֿריִער צוויי פֿינגער, דער־נאָך אַנדערע צוויי פֿינגער און הײסט אים איבערצײלען דורכאַנאַנד, צײלט דאָס קינד: אײנס, צוויי, דרײַ, פֿיר,—זעט דאָס קינד און געוויינט זיך צו, אַז צוויי מיט צוויי איז פֿיר. די גאַנצע אַרבעט גײט צו געשוויגט, לעבעדיק, דאָ גײט קיין מינוט נישט לאבוד. דעם קינד איז נישט לאַנגווײַליק, עס טוט די אַרבעט צו־זאַמען מיט׳ן לערער, הקצור, דאָס קינד לערענט זיך אויס גרינג אַזויוו: אַ שפּיל.

שטעלט אײַך, אָבער, פֿאָר, אַז דאָס זעלבע ווילט איר געבען צו פֿאַרשטיין דעם קינד אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך, אויף רוסיש, פּויליש, אָדער אויף העברעיש, איז, ראשית־כל, נאָך איידער איר טרעט צו צו דער עצם־זאַך דאַרף דער לערער חזר׳ען מיט׳ן קינד פֿרעמדע ווערטער: דאָס קינד דאַרף פֿריִער אויס׳חזר׳ן, אַז צוויי איז אויף פּויליש—דוואַ, אויף העברעיש—שנים, פֿיר איז טשטערי, אַרבע און דאָס גלײַכען. וויל דער לערער אַדורכמאַכען מיט׳ן קינד די אָפּעראַציע מיט די פֿינגער, דאַרף ער נאָך מיט׳ן קינד חזר׳ן נײַע ווערטער: אַ פֿינגער איז אויף פּויליש פּאַליעץ, אויף העברעיש—אצבע וכדומה. הקצור ווערטער, ווערטער אָהן אַ שעור. וואָרום דאָס קינד ווייסט דאָך נישט, וואָס דער לערער רעט צו אים, ממילא דאַרף מען דערויף פֿאַרליִרען אַ סך צײַט; פֿריִער לערנען די קינדער פֿרעמדע ווערטער, כדי צום סוף קומען דער־צו, אַז צוויי מיט צוויי איז פֿיר. דאָס אייגענע באַ יעדער נײַער

זאַך דאַרף מען מאַטערען דאָס קינד אויף פרעמדע ווערטער, און ווי די דאָזיקע ווערטער צו פאַרבינדען. ער קאָן נישט פריי רעדען, ווארום דאָס קינד פאַרשטייט נישט. דאָס קינד, ווידער, איז לחלוטין שטום, ווארום דאָס קינד קען נאָר די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט אויסגע׳חזר׳ט, נישט מער. דער לערער קריכט פון די כלים אַרויס, מוז מאַכען מיט די הענט און מיט די פיס, רעדען אויף שטום-לשון, כדי צו דערקלערען דעם קינד, וואָס מיינט ער מיט אַזאַ פרעמד וואָרט.

פאַר דעם קינד איז דאָס אַנ׳אמת׳ער גיהנום, ווייל ס׳איז עס לאַנגווייליק, ס׳קאָן זיך נישט אויסרעדען און דער מוח באַ דעם קינד, אָנשטאָט צו אַרבעטען אויף דעם תוך, אויף דער נייער זאַך, וואָס דער לערער איז אים מסביר (למשל, צוויי מיט צוויי איז פיר), אַרבעט עס אויף ווערטער, עס מוז די גאַנצע צייט האַלטען אין זכרון, אַז דוואַ אָדער שנים מיינט מען צוויי, טשטערי אָדער אַרבע מיינט מען פיר, און נישט פאַרקערט. און אַזוי קומט עס טאַקע דערצו, אַז דאָס קינד קאָן קיין צוויי נישט ציילען, ווארום די זאַך, וואָס אַ קינד וואָלט אויף זיין שפראַך געקאָנט משיג-זיין אין פינף מינוט, געדויערט זי באַ אים, אויף אַ פרעמדער שפראַך, שעה׳ן לאַנג. און איר זייט נאָך קיינמאָל נישט זיכער, אויב עס מאַכט אַ פעלער, צי איז דאָס דערפאַר, וואָס ס׳האָט שלעכט אויסגע׳חזר׳ט אָדער פאַרגעסען דאָס פרעמדע וואָרט, אָדער דערפאַר, וואָס עס האָט דעם נייעם ענין נישט פאַרשטאַנען.

אין אַ שול אויף אַ פרעמדער שפראַך קאָן
דאָס קינד קיין פעולה נישט האָבען.

דאָ האַנדעלט זיך, אָבער, נישט נאָר פון צייט פאַרלירען, נישט נאָר דערפון, וואָס לערנען עפעס אויף אַ אומבאַקאַנטער שפראַך נעמט אָפּ צען מאָל אַזויפיל צייט און ס׳קומט אָן הקריעת ים-סוף דעם לערער און דעם קינד. דאָ איז פאַראַן נאָך אַנ׳ער-

גערע מכה, וואָס קיין צייט העלפט אויך נישט דערצו. די מעשה איז, וואָס אויף אַ פרעמדער שפראַך קאָן די שול קיינמאָל נישט האָבען אַזאַ פעולה, ווי אויף דער אייגענער שפראַך. ס׳איז אַטעות צו מיינען, אַז אין דער שול, בפרט נאָך אין דער פאָלקס־שול, לערענט מען דעם קינד נאָר וויסענשאַפטען; נייעס, וואָס מ׳דאַרף זיך אויסלערנען, ווי למשל, רעכענען (אַריפמעטיק), געאָגראַפיע, געשיכטע וכדומה. אין אַ שול איז מען מדריך דאָס קינד, מ׳גיט עס דערציונג, דוקאַציע. דאָס הייסט, מ׳זעט צו ענטוויקלען דאָס קינד, צו עפענען דעם קינד׳ס מוח און אַלע חושים, מ׳געוויינט צו דאָס קינד צו טראַכטען און צו פילען, צו הערען און צו זען, צו פאַרשטיין און באַנעמען אַ וועלט אַרום זיך. מ׳זעט, אַז דאָס קינד זאָל גייסטיק וואַקסען, זאָל זיך אויסלערנען צו זיין זעלבסטשטענדיק, פון דער שול זאָל דאָס קינד אַרויס מיט אַ חשק אַליין צו לערנען זיך באַ דער וועלט און פון אַ בוך. אויף דעם קינד׳ס מוטער־שפראַך איז אַזאַ אַרבעט באַ אַ געניטען לערער נישטאָ וואָס גרינגער. דער לערער רעט מיט די קינדער, לייענט פאָר אַ מעשה, גייט מיט זיי אין וואַלד וכדומה. יעדע געלעגענהייט נוצט דער לערער אויס, כדי צו ענטוויקלען דאָס קינד.

דאָס קינד, אַפילו אַ קינד פון פינף, זעקס יאָר, קומט אין דער שול מיט אַ גרויסען אוצר באַגריפען, געפילען, איבערלעבענישען, וואָס ס׳ברענגט פון דער היים, פון דער גאַס, און וואָס ס׳ליגט באַ דעם טיף אין האַרצען און אין מוח. דאָס קינד, נישט נאָר ס׳רעט, נאָר ס׳טראַכט און ס׳פילט, און געוויינלעך אויף זיין שפראַך, אויף דער מוטער־שפראַך. הקצור, דאָס קינד איז אַ קליין וועלטעל פאַר־זיך, און דעם לערער׳ס אַרבעט איז—דאָס דאָזיקע וועלטעל פאַרברייטערען, פאַרפיינערען, פאַרטיפען. פונקט ווי אַ גערטנער טוט נישט אַריין קיין אייגענעם חיות און זאַפטען אין אַ יונג ביימעל, נאָר היט עס אָפּ, זעט, אַז עס זאָל וואַקסען, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, קיין ווערים

און אַנדערע מזיקים זאָלען דערצו נישט צושטיין, ס'זאָל האָבען גענוג לופט, זון וכדומה.

דער לערער, למשל, ווייל געוויינען דאָס קינד ליב-האָבען די נאַטור (באַ אונדזערע יידישע קינדער איז דאָס געוויס נישט קיין איבעריקע זאַך), דערציילט ער דעם קינד אַ מעשה פון אַ בוים און פון אַ פעלד, פון אַ טייך און פון אַ באַרג. דאָס קינד הערט-אויס די מעשה אָדער לייענט זי אַליין אין ביכעל, דעם קינד איז אינטערעסאַנט די מעשה פאַר־זיך, און דער לערער פירט דאָס קינד שוין ממילא אַרויף אויף דעם געדאַנק, וואָס ער וויל. דאָס קינד באַמערקט עס אפילו נישט. ס'איז נישטאָ דער טאָג, די שעה, די זאַך,—דער לערער זאָל נישט קאָנען אויסנוצען, כדי דאָס קינד צו ענטוויקלען. קינדער האָבען געכאַפּט אַ פייגעלע, זיי האָבען עס געמאַטערט. אָדער פאַרקערט, זיי האָבען עס אָפּגעלאָזט פריי,—אַ געשפּרעך וועגען פייגעלעך: ווו קומען אַהין פייגעלעך אום ווינטער (זיי פליען אַוועק אין די וואַרעמע לענדער), דערפון אַרויף אויף וואַרעמע און קאַלטע לענדער, פון וואַנען נעמט זיך דאָס א. אַ. וו. מאָרגען איז חנוכה, פורים, תשעה-באב, די ניין טעג וכדומה. וואָס איז אַזוינס שבת, יידישע ימים-טובים, תעניתים א. אַ. וו. ס'איז אָנגעקומען אַ בריף פון דעם טאַטען פון אַמעריקע, וואָס איז דאָס אַמעריקע? לאָמיר נאָר זעען אויף דער לאַנדקאַרטע, וויאַזוי לעבט-זיך דאָרטען? וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד? וויאַזוי האָט מען ענדעקט אַמעריקע?—אויפ'ן גאַס גיסט אַ רעגען, ס'איז אַ גאַנצער מבול. וואָס איז דאָס אַזוינס אַ מבול? ווו האָט איר געלערענט פון מבול? וואָס דערציילט דער חומש פון מבול? פון וואַנען נעמט זיך רעגען, שניי? א. אַ. וו.. אָהן אַ שיעור שטאָף פאַר באַלערנען דאָס קינד און אויפקלערען עס וועגען נאַטור און מענטש, וועגען פעלקער און לענדער, וועגען יידען, וועגען דער גאָרער וועלט. דאָס קינד האָט שוין אַנ'אָנהייב דערפון. ס'האָט אַליין אַ סך געזען און פון עלטערע געהערט, מ'דאַרף נאָר דאָס דאַזי-

קע קינדישע קלאָר-מאַכען, ציען דעם פאָדעם ווייטער.

געבענטשט איז דער לערער און גליקלעך איז דאָס קינד, ווען די דאָזיקע אַרבעט ווערט געפירט אויף דעם קינדס-שפּראַך, אויף יידיש. דאָ איז אַלץ פאַראַן פאַרטיג, דער לערער און דאָס קינד פאַרשטייען-זיך אויפ'ן ווינק. וואָרום דאָס יידישע וואָרט איז בײַ ביידען אַ לעבעדיק באַשעפעניש; אין יעדען וואָרט ליגען צענדליקער בילדער, געפילען, דמיונות, אַ וואָרט קייטעלט-זיך, פירט אַרויף פון איין געדאַנק אויפ'ן אַנדערען, וועקט זכרונות און געפילען, און דאָס וואָרט איז דאָ אויסגעקנאָטען מיט'ן יידי־שען לעבען, מיט יידישען געפיל, מיט יידישע געשיכטע. דאָס קינד האָט נישט קיין מי בײַ דעם לערנען, עס באַמערקט גאָר־נישט, ווי עס וואַקסט גייסטיק, אַזוי ווי עס באַמערקט נישט, ווי עס וואַקסט אין גוף. דער לערער איז דעם קינדס חבר. די שול איז אַ צווייטע היים.

אומגליקלעך זענען ביידע, דער לערער און דאָס קינד, ווען מ'מוז דאָס אַלץ קנעלען אויף אַ פרעמדער שפּראַך. אָט דאָס מיינט מען, אַז מ'זאָגט בײַ אונדז: האַקען האָלץ. וואָרום נישט קיין גײַע וועלט ווערט דאָ ענטפלעקט פאַר דעם קינד, נאָר פרעמדע, טויטע ווערטער. צווישען דער וועלט און צווישען דעם קינדס השגה שטעלט-זיך דאָ, ווי אַנ־אייזערנע וואַנט, דאָס פרעמדע וואָרט. און דאָס פרעמדע וואָרט איז טויט. אַ פייגעלע—איז אַ לעבעדיקע זאַך, דאָס קינד זעט עס און ס'פילט עס. זאָל דער לערער זאָגען דעם קינד: „אַ פייגעלע", —איז עפענט-זיך פאַר דעם קינד אַ שלל בילדער; דאָס קינד האָט פייגעלעך געכאַפּט, אַ פייגעלע אין האַנט געהאַלטען, ס'ווייסט צו דערציילען פון די פעדערלעך און פליגעלעך, פון דעם פיס־קעלע און פון די פיסעלעך, פון דעם „ער" און פון דער „זי". אַ פייגעלע פליט בײַ אַ קינד, און דעם קינדס השגה אויך דער־מיט. זאָגט, אָבער, דעם קינד „פטאַשעק" אָדער „צפּור", איז דאָס אַ פאַפירענער פויגעל, אַ בלײַערנער פויגעל, אַ וואָרט,

און ניִשט מער,—וואָס פּליט ניִשט און לעבּט ניִשט, און איז באַ-
שאַפֿן-געוואָרען נאָר, כדי צו פֿאַרומערען דעם קינדס יאָרען
און טעג, און פֿאַר׳מאוס׳ען די וועלט. דאָס קינד איז שטום אין
דער שול, וואָרום יאָרען-לאַנג דאַרף געדוי׳ערען, אַז דאָס קינד
זאָל אויסלערנען געניג פֿרעמדע ווערטער אין די דאָזיקע ווער-
טער רעכט צעקייען, אַז ס׳זאָל וויסען, ווען און וואָס מ׳זאָגט
עס. ניִשט נאָר דאָס קינד, נאָר אפילו אַ דערוואַקסענער מענטש,
און געבּילדעטער מענטש, וועט קיינמאָל ניִשט צופּאַסען קיין
פֿרעמדע שפּראַך צום יידישען לעבען, צום יידישען שׂכל,
צום יידישען וויץ, צו יידישע השׂגות. דאָס קינד ווערט פֿאַר-
טעמפּט, וואָרום טראַכטען, פֿילען אויף קיין פֿרעמדער שפּראַך
קאָן מען ניִשט. ניִשט אומזיסט דערציילט מען בּאַ אונדז דעם
געוויסען וויץ פֿון דער דאַמע, וואָס זי שעמט זיך רעדען יידיש,
נאָר אַז זי גייט צו קינד און ס׳נעמען איר די רעכטע שטיך-
ווייען, ווען זי פֿאַרגעסט זיך, דאַמאָלס שרייט זי ניִשט מיט איר
קול אויף פּשוט מאַמע-לשון: מאַמעניו, גאָטעניו, העלף מיר!
דעם קינדס שׂכל, דעם קינדס האַרץ, ווערט איינגעשרומפּען אין
אַ פֿרעמדער שפּראַך, אַזוי־ווי אין אַ שטייג, זיי דערלעבען ניִשט
אויסצוּוואַקסען, דאָס קינד ווערט אַ קאַליקע אויף אַלע יאָרען,
אַזוי־ווי מיר זעען די גייסטיקע קאַליקעס, וואָס האָבען זיך געמאַ-
טערט יאָרען-לאַנג אין די „קאַזיאָנע״ שולען, איז אָדער זיי בּליי-
בּען פּראָים, מענטשען אָהן אַ שפּראַך, אָדער זיי פֿאַרגעסען דאָס
בּיסעל פֿרעמדס, וואָס מ׳האָט אין זיי אַריינגעשטופּט אין דער
שול. און די שול-יאָרען גייען פֿאַר זיי לאבוד, די שול ווערט
אַנ׳אָפּקומעניש פֿאַר דעם קינד, און דער לערער ווערט בּאַ אים
אַנ׳אינקוויזיטאָר.

די שול דאַרף זיין איינס מיט דער היים, מיט דער סביבה.

נאָך איינס: די שול, בּפרט די פֿאָלקס-שול, איז נאָר דאָ-

מאָלס איף אַנ׳אָרט, זי טוט אויף איר שליחות נאָר דאַמאָלס, ווען,—ראשית, איז זי נישט קיין זייטיגע זאַך פאַר דעם קינד, נאָר אַ גליד פון דער פאַמיליע, פון דער היים, פון דער סביבה, שנית, ווען זי באַוואָפּענט דאָס קינד, ריכט-אויס דאָס קינד, פאַר זיין קינפטיק לעבען. יידען, און גראַד אַלטמאָדישע יידען, האָבען דאָס אַלעמאָל אויסגעצייכענט פאַרשטאַנען. אין חדר, אין תלמוד-תורה, האָט דאָס קינד געטראָפען דאָסזעלבע, וואָס אין דערהיים, וואָס אין דער אַרומיקער סביבה. דער פאַרצייטיקער ייד האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט—צווישען דער היים, מאַרק און בית-המדרש. פון קיין וועלט האָט ער נישט געוווסט צו זאָגען, און ער האָט זי, די גרויסע וועלט, לויט זיינע השגות, נישט באַדאַרפט אויך. ער האָט זיך זיינע יאָרען אויס-געלעבט אין זיין שטעטעל. אַ ייד האָט געזאָרגט וועגען תורה און מצוות, מדות און מעשים-טובים. דאָס איז געווען זיין רוחניות, זיין גייסטיקע וועלט, און דאָס איז געווען דער חדר אויך די תלמוד-תורה. מ׳האָט געלערענט עברי, דאַוונען, חומש מיט רש״י, שולחן-ערוך. מיט אַ בעסערען קאָפּ און אין פאַרמעגלעכען גראַד, האָט מען נאָך געלערענט גמרא, פוסקים,—אַלץ, וואָס אַ ייד דאַרף האָבען אין זיין וועלט. געוויינלעך האָט מען דאָס פאַרטייטשט אַלץ אויף יידיש, וואָרום די גאַנצע סביבה איז געווען יידיש. דאָס וואָס דאָס קינד האָט געלערענט אין חדר, האָט עס געטראָפען אין דער היים אויך, און שפּעטער נאָך דעם חדר, האָט ער עס געטראָפען אין דעם גאַנצען יידישען לעבען. האָט מען גע-וואָלט מיט לערנען דערלאַנגען עפּעס העכערס, האָט מען געלע-רענט אויף רב. הקצור, דאָס גאַנצע אַמאָליקע לערנען איז גע-ווען צוגעפּאַסט צום קינדס היימיש לעבען און צום לעבען פון דעם יידישען קבוץ בכלל.

היינטיקע צייטען פאָדערט זיך שוין עפּעס מער. אַ ייד וויל שוין האָבען, אַז אַ חוץ יידישקייט זאָל זיין קינד וויסען פון אַ וועלט צו זאָגען: ער וויל שוין פאַר זיין קינד היינטוועלטיקע

קענטעניִשען. דער טאַטע אַליין האַנדעלט און אַרבעט שוין היינט מיִט אַ וועלט; ער איִז אַליין אויס אַ וועלט. ווען דאָס קיִנד לערענט שוין היינטוועלטיִקע זאַכען נאָר אויף זיין מאַמע-לשון, איִז עס באַ זיִך איִן שטוב, צוויִשען ייִדען אַרום, ניִשט קיין פרעמדער. מ'רעט אויף דערזעלבער שפראַך און אָפט פון דיִזעלבע זאַכען. דאָס קיִנד טראָגט-אַריין פון דער שול עפּעס נייעס איִן שטוב-אַריין. אָבער דאָס נייעם קלעפּט-זיִך-צו. די שפראַך און די השגות, וואָס ליִגען איִן דער שפראַך, זענען דער בעסטער באַהעפט. הקצור, דאָס קיִנד ווערט ניִשט אָפּגעריִסען פון זיין שטוב, פון אייגענע טאַטע-מאַמע, פון ייִדען, אדרבא, די שול לערענט איִם צו שעצען זיין שטוב, זיין סביבה, צו שעצען ייִדען בכלל.

לערענט, אָבער, דאָס קיִנד אויף אַ פרעמדער שפראַך, און ממילא ברעכט עס דעם צונג אויף אַ פרעמדער שפראַך. אַזוי ווערט עס אַ פ ר ע מ ד ע ר איִן דער א י י ג ע נ ע ר שטוב, עס ווערט פרעמד אייגענע טאַטע-מאַמע, ווער שמועסט שוין פון ייִדען, זייטיִגע מענטשען. עס ווערט פרעמד, ראשית-כל, איִבער דער פרעמדער שפראַך, עס קאָן זיִך אַפילו ניִשט רעכט צונויפרעדען מיִט ייִדען. עס ווערט נאָכמער פרעמד איִבער די פ ר ע מ ד ע ג ע ד אַ נ ק ע ן, איִבער די פרעמדע פריידען און ליידען, וואָס שטעקען איִן דער פרעמדער שפראַך. וואָרום אויף אַ פרעמדער שפראַך, איִן פרעמדע ביִכער זעט מען אַ פרעמדע וועלט,—אַ רוסיִשע, אַ פּויליִשע, נאָר ניִשט קיין ייִדיִשע וועלט. אויף העברעיִש זעט מען קיין וועלט בכלל ניִשט, וואָרום אַזאַ העברעיִשע וועלט איִז ניִשט בנמצא, סיידען באַ די פאַרשטעלטע ירושלמי'ס. אַזוי קומט עס דערצו, אַז דאָס קיִנד ווערט דערווייטערט פון אייגענע טאַטע-מאַמע, פון ייִדען אַודאי. זייער שפראַך, ייִדיִש, איִז באַ איִם מאוס, וואָרום, וואָס-פאַר-אַ שפראַך איִז עס, אַז איִן דער שול איִז זי טריף? ביִסלעכווייס ווערט איִם אויך מאוס דאָס גאַנצע ייִדיִשע לעבען, וואָרום פון קיין פרעמדער שפראַך, פון קיין פרעמדע ביִכער קאָן מען זיִך ניִשט אויסלערנען צו פאַר-

שטיין דאָס ייִדישע לעבען, הויך-האַלטען ייִדען. פון וויפיעל אַזוינע טרויעריקע משלים ווייסט יעדער ייִד צו דערציילען? איז דען דאָס אומגליק איצט נישט פאַראַן כמעט אין יעדער ייִדישער שטוב, דערהויפט דאָרט, ווו די טעכטער גייען אין די גוישע גימנאַזיעס? וויפיעל אַזוינע אָפּגעשניטענע אברים, פרעמדע מענטשען האָבען מיר צווישען אונדז? וויפיעל האַלבע און גאַנצע אַנטיסעמיטען און ערב-משומדים! און ווער איז נאָך אין דעם אַלץ אַזוי שולדיג, ווי די פרעמדע שפּראַך!

די שול דאַרף נוצען דעם מענטשען אין לעבען.

די שול זאָל נישט דערווייטערען דאָס קינד פון דעם ייִדישען לעבען, נאָר פאַרקערט, דערנענטערען,—דאָס איז איין זאַך. צווייטענס, אַז דאָס קינד לערענט אַלץ אויף זיין מאַמע-לשון קומט עס אים צונוץ, שפּעטער אויך, אויף זיין לעבען לאַנג. אַ ייִדיש פאָלקס-קינד, אַ קינד פון אַ ייִדען אַ בעל-מלאכה, אַ קרעמער, בכלל פון המון, גייט נישט נאָך דער פאָלקס-שול אין קיין גימנאַזיעס, אין קיין אוניווערזיטעטען. עס ווערט אַ בעל-מלאכה, אַנ'אַרבעטער, אַנ'אָנגעשטעלטער, אַנ'אַרבעטס-מענטש בכלל. עס בלייבט צווישען ייִדען,—טוט און אַרבעט צווישען ייִדען. ווערט מען מגלגל קיין לאָנדאָן, קיין אַמעריקע, אויף דער גאָרער וועלט, איז אַלץ צווישען ייִדען. מיט ייִדען קאָן מען, אָבער, אויסקומען נאָר אויפ'ן ייִדישען לשון. דאָס ייִדישע לשון איז אַ געווער אין האַנט באַם האַנדעל און באַ דער אַרבעט, אין חברה און אין קהל. אָהן דעם קאָן עס נישט אויסקומען. אָהן ייִדיש, אָדער, מיט שלעכט ייִדיש, איז מען ווי אָהן אַ האַנט, ווי אַ פרעמדער מענטש צווישען אייגענע. היינטיקע צייטען האָבען מיר שוין אַ געזעלשאַפטלעך, אַ פּאָליטיש לעבען צווישען ייִדען, ייִדישע קהלות, פאַרזאַמלונגען וכדומה. ס'איז נישט גענוג ווי עס איז צו פאַרשטיין, וואָס יענער רעט, מ'דאַרף נאָך קאָנען אַליין

באַנעמען אַ זאַך און עס איבערגעבען יענעם אויך, דאָס הייסט מ׳דאַרף אַליין ליינען אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער וועלט, משיג-זיין און עס איבעראַרבעטען. און נישט גראָד פאַר יענעם, פאַר דער וועלט,—מ׳דאַרף עס האָבען פאַר זיך אַליין. פאַר זיך אַליין דאַרף מען קאָנען ליינען און פאַרשטיין אַ צייטונג. אַפילו אַ פשוט׳ער מענטש דאַרף קאָנען ליינען אַ זשורנאַל פאַר זיין פאַך (למשל אַ האַנדעלס-צייטונג, אַ שניידער-זשורנאַל וכדומה). מ׳דאַרף קאָנען ליינען אַ ביכעל, ווי זיך, למשל, צו פאַרהיטען פאַר כאָלערע, אַ ביכעל וועגען רעכט און פליכטען פון יעדען בירגער, למשל, וועגען וואַלרעכט, וועגען רעכט צו קלייבען און ווערען אויסגעקליבען אין פאַרלאַמענט, אין דעם שטאָט-ראַט וכדומה. בכלל אַ מענטש און בפרט אַ ייד, האָט גייסטיקע הצטרכות. ער וויל באַנעמען עפעס מער, ווי ער קען איצט. אַמאָליקע צייטען זענען יידען נישט יוצא-געווען מיט׳ן חדר אַליין, זיי זענען זיך צונויפגעקומען אין אָווענט, בפרט שבת, אין בית-המדרש, געהערט אַ פרשה חומש, עין-יעקב, היינטיקע צייטען וויל אַ ייד וויסען, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. ער וויל זיך, הייסט עס, ווייטער לערנען, לויט זיין פאַרשטאַנד, לויט זיין גראַד, נאָר שוין אָהן אַ לערער. איז גוט, אַז מ׳האָט אים געלערענט אין דער פאָלקס-שול אויף יידיש. דאַמאָלס האָט ער זיך צוגעוויינט צו ליינען אַ צייטונג, אַ ביכעל און געפינען דאָרט, וואָס ער דאַרף האָבען פאַר דעם לעבען, אָדער פאַר דעם גייסט. וואָרום אַ ביכעל, אַ צייטונג ליינען—דאַרף מען אויך האָבען אַ רגילות. פון זיך אַליין קומט עס נישט.

ווי איז, אָבער, דער דין, אַז מ׳האָט מיט אים אין דער פאָלקסשול געלערענט אַלץ אויף רוסיש, אויף פויליש, אָדער גאָר אויף העברעיש? ראשית, איז ער אַ פרעמדער צווישען יידען, ווי מיר האָבען שוין פריער גערעט; שנית, וועט אים דער למוד פון דער פאָלקסשול נישט נוצען אין לעבען. קיינמאָל קאָן זיך קיין קינד אין דער פאָלקסשול נישט

אויסלערנען אַזויפיל, אַזוי גריִנדלעך אַ נײַע שפּראַך, אַז דאָס זאָל טאַקע ווערען זײַן שפּראַך. פון ביִכלעך לערענט מען זיך בכלל קיין שפּראַך ניִשט אויס גריִנדלעך. אַ שפּראַך לערענט מען זיך פון טאַטע-מאַמע, פון דערהיים, פון דער סביבה. נאָר אויב מ׳קאָן יאָ עפּעס דערלאַנגען פון פרעמדע ביִכלעך, דאַרף מען דערויף פאַרברענגען לאַנגע יאָרען. אין דער פאָלקסשול פאַרברענגט, אָבער, אַ קינד פיר יאָר, אַז אַ סך—איז זעקס יאָר. אין דער דאָזיקער צײַט דאַרף אַ ייִדיש קינד זיך אויסלערנען זייער אַ סך זאַכען: ייִדישקייט (חומש וכדומה) און וועלטלעכע זאַכען (רעכענען, שרײַבען א. ד. גל.). אויף צו לערנען אַ פרעמדע שפּראַך בלײַבען געציילטע שעה׳ן אַ וואָך. ממילא לערענט עס זיך טאַקע ניִשט אויס די פרעמדע שפּראַך, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. אין דער שול מיט׳ן לערער, בײַ אַ קינדער-ביִכעל, איז עס אַ מוזיק. פאַר זיך, אָבער, קען עס די שפּראַך ניִשט. און אַז עס גייט אַרויס פון דער שול, קומט עס אַרײַן אין אַ ייִדישער סביבה, רעט עס ייִדיש און פאַרגעסט דאָס ביִסעל, וואָס ער האָט געקענט אין דער שול, אויפ׳ן שפּיץ-מעסער. קיין צײַטונגען, קיין ביִכעל אויף דער פרעמדער שפּראַך קאָן מען ניִשט לייענען, כאָטש מ׳וויל אפשר. אויף ייִדיש וואָלט מען געקאָנט, ווען מ׳זאָל אים געווען לערנען, ווייל מען אָבער ניִשט. און ס׳קומט אים שוין אָן שווערער, ווײַל מ׳האָט אים ניִשט געלערענט. בלײַבט אַזוינער קרח מכאן ומכאן, אַ מענטש אָהן אַ שפּראַך, אַ מענטש, וואָס קאָן ניִשט לייענען קיין צײַטונג, קיין ביִכעל, ניִשט אויף רוסיש, פּויליש אָדער העברעיִש, ניִשט אויף ייִדיש. ער בלײַבט אַנ׳-עם-הארץ, אַ קאַליקע אַלע זײַנע יאָר. הייסט עס, אַז דאָס, וואָס מ׳האָט געלערענט אין דער שול איז פאַר אים אַרויסגעוואָרפען. די שול האָט אים פאַר קיין מענטשען ניִשט געמאַכט, פאַר קיין ייִדען אודאי ניִשט. די שול האָט אים ניִשט אויסגעריכט פאַר׳ן לעבען. די שול האָט ניִשט אויפגעטאָן איר זאַך, וואָס זי איז מחויב צו-טון און אַלץ דערפאַר, וואָס מ׳האָט

דאָרט געלערענט אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

צי מיינען די יידישיסטען נאָר יידיש? תנ״ך און העברעיש.

ווערט מען דאָ פרעגען: וואָס־זשע הייסט עס, אַז אין דער פאָלקס-שול דאַרף מען לערנען נאָר יידיש און מער קיין זאַך נישט; נישט קיין לשון-קודש, נישט קיין תנ״ך, נישט די לאַנדשפּראַך וכדומה? אַזוי ווילען טאַקע אייניגע פאַרברענטע העברעיסטען אויסטייטשען אונדזער געדאַנק. מאַכען זיך כלא-ידע, פון וואָס דאָ האַנדעלט-זיך. איז דער תירוץ: דאָ האָבען מיר גערעט, נישט וואָס צו לערנען אין דער פאָלקס-שול, נאָר וויאַזוי צו לערנען. די למודים אין דער פאָלקסשול קאָנען זיין פאַרשידענע, יעדער קלאַס יידען לויט זיין גראַד, לויט זיין פאַרשטאַנד. דער פרומער קלאַס וויל האָבען מער יידישקייט, דער הייבטוועלטיקער ייד זוכט מער הייבטוועלטיקע זאַכען פאַר זיין קינד. אָבער, וואָס מ׳זאָל נישט לערנען אין דער שול, אַלץ-איינס מוז עס לערנען אויף יידיש. אודאי דאַרף מען לערנען תנ״ך און לשון-קודש אויך, אָבער דער למוד דאַרף זיין,—כדי תנ״ך צו קענען, כדי אַ ספר צו פאַרשטיין, נישט כדי דאָס קינד זאָל רעדען אויף העברעיש, נישט מ׳זאָל זיך איינרעדען, אַז העברעיש וועט ווערען באַם קינד אַ לעבעדיקע שפּראַך אָנשטאָט זיין מאַמע-לשון,—יידיש. און וויל מען טאַקע, אַז דאָס קינד זאָל קענען תנ״ך, זאָל פאַרשטיין אַ ספר, איז טאַקע גלייכער דאָס לשון-קודש׳דיקע פאַרטייטשען אויף יידיש, נישט אויס׳חזר׳ן מיט דעם קינד עטלעכע הונדערט ביימאָדישע ווערטער און זיך איינרעדען, אַז דאָס קינד רעט שוין העברעיש און וועט תמיד רעדען אַזוי. אויף יידיש, האָבען מיר אַלע געלערענט תנ״ך און לשון-קודש, און אונדזער דור פאַרמאָגט מחמת דעם אַ סך יידען יודעי-ספר, יידען, וואָס קענען תנ״ך, וואָס קענען אַריינקוקען אין אַ ספר,—מיר האָבען העברעישע מחברים. וואָס פון די הייבטמאָדישע

העברעִישע חדרים וועט אַרויס, ציִ וועלען דיִ קיִנדער קענען לשון-קודש, אפילו דאָס וויִיסען מיִר נאָך ניִשט.

דיִ לאַנד-שפּראַך.

דאָס זעלבּע אויך מיִט דער **לאַנד-שפּראַך** און מיִט פרעמדע שפּראַכען בכלל. אודאי דאַרף אַ יִיד קענען דיִ לאַנד-שפּראַך, ער דאַרף זיִך קאָנען צונויפרעדען מיִט אַ קריִסט איִן האַנדעל, איִן דער מלאכה, איִן כלל-זאַכען, ממילא דאַרף מען דיִ לאַנד-שפּראַך לערנען מיִט דעם קיִנד איִן דער פאָלקס-שול. אָבער דער צוועק פון דעם דאָזיִקען למוד איִז נאָר **אַ פּראַקטישער**: דאָס קיִנד זאָל נאָכדעם פאַרשטיִין זיִך צונויפרעדען מיִט זיַין לאַנדסמאַן, מיִט דעם רוס אָדער מיִט דעם פּאָליאַק, ס'זאָל קאָנען עפּעס איִבּערלייענען, ניִשט, אָבער, ווי מ'האָט געוואָלט בּאַ אונדז בּיִזאַהער, אַז אַ יִיד זאָל לערנען דיִ לאַנדס-שפּראַך, כּדי יִידען, צוויִשען זיִך, זאָלען רעדען אויף דער לאַנד-שפּראַך. **דיִ פרעמדע שפּראַך דאַרפען מיִר האָבען פאַר דער פרעמד, ניִשט פאַר זיִך.** יִידען האָבען עס שטענדיִק זייער גוט פאַרשטאַנען, און זיי האָבען פון דער פּראַקטיִק, פון דער גאַס און פון דעם מאַרק, אויסגעלערענט זיִך דיִ פרעמדע שפּראַך, ווי וויַיט זיי האָבען זיִ בּאַדאַרפט האָבען פאַר געשעפטזאַכען. איִצט פאָדערט-זיִך עפּעס מער, ממילא דאַרפען מיִר דיִ לאַנדשפּראַך אַנדערש לערנען, און לערנען זיִ איִן דער פאָלקסשול אויך. אָבער אַלץ מיִט דעם זעלבּען מיִין: נאָר פאַר **פּראַקטישע צוועקען**, נאָר פאַר דער פרעמד. פאַר זיִך האָבען מיִר אונדזער אייגענע שפּראַך,—אונדזער יִדיִש. אויף אונדזער שפּראַך, אויף יִדיִש, ניִשט נאָר מיִר רעדען,—אויף יִדיִש **טראַכטען** מיִר אויך, אויף יִדיִש **לעבּען** מיִר; מיִר פיִלען אויף יִדיִש פרייד און לייד, האָפנונג און בּטחון, דורך יִדיִש קומען מיִר אַ וועלט צו זען. אויף קיין פרעמדער שפּראַך ניִשט מיִר דאַרפען אַזוי וויַיט דערלאַנגען, **ניִשט מיִר קאָנען** אַזוי

ווײַט ברענגען. דערפֿון האָבען מיר שוין פֿריִער גערעט.

דער פּראַקטישער צוועק, וואָס מיר האָבען אין זינען בײַם לערנען די לאַנד-שפּראַך און אַ פֿרעמדע שפּראַך בכלל, ווײַזט שוין אויך, וויאַזוי זי דאַרף געלערענט-ווערען, וואָס פֿאַר אַן אָרט זי דאַרף פֿאַרנעמען אין דער פֿאָלקסשול. מ׳דאַרף די פֿרעמדע שפּראַך לערנען אַלס שפּראַך, מ׳זאָל זי פֿאַרשטײן, נישט מער. גרינגער איז פֿאַר דעם קינד, אַז די פֿרעמדע שפּראַך לערענט מען מיט אים אויך אויף זײַן מאַמע-לשון; מ׳פֿאַרטײַטשט אים דאָס פֿרעמדע, דאָס נײַע אויף זײַן מאַמע־לשון. אָבער, פֿאַר קײן פֿאַל נישט, אַז אין דער שול זאָל מען אַלע איבעריקע למודים פֿירען אויף דער פֿרעמדער שפּראַך, אַז אין דער שול זאָל דער לערער מיט די קינדער, די קינדער צווישען זיך, רעדען אויף דער פֿרעמדער שפּראַך. דאָס איז איבעריק און נישט מעגלעך אויך.

III.

וואָס טענה'ען די העברעיסטען.

דאָס איז בדרך כלל, כדי נישט איבעריק מאריך-צו-זיין, דער גאַנג פון די יידישיסטען אין הלכות שול און בילדונג, די „יידישיסטען״ זענען היינטוועלטיקע מענטשען, זיי ווילען אַריינטראָגען אַ נייעם גייסט, אַ היינטוועלטיקען שניט אין יידישער בילדונג, אין יידישער דוקאַציע, אָבער, זיי גייען מיט דעם אַלטען יידישען דרך: לערנען קאָן מען נאָר אויף דער שפּראַך, וואָס דאָס קינד פאַרשטייט, אויף מאַמע-לשון, אויף יידיש.

קומען די העברעיסטען און לייקענען שטיין-און-ביין און טענה'ן, אַז צוויי מאָל צוויי איז פינף, דאָס הייסט: לערנען דאַרף מען מיט אַ קינד נישט אויף דער שפּראַך, וואָס דאָס קינד פאַרשטייט, אויף יידיש, נאָר דוקא אויף דער שפּראַך, וואָס דאָס קינד פאַרשטייט נישט, אויף לשון-קודש. בא דער גאַנצער וועלט איז טאַקע גוט, וואָס מ'לערענט און מ'איז מדריך דאָס קינד אויף מאַמע-לשון, נאָר בא אונדז, יידען, דאַרף זיין פונקט פאַרקערט. דאָס, וואָס פאַר אַלעמען איז רעכט, איז פאַר אונדז שלעכט. פאַרוואָס?

דאָ ווערט אַוועקגעלייגט אַ גאַנץ פּעקעל טענות, איינע מאָדנער פאַר דער אַנדערער. ס'איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס איז בא זיי שטאַרקער: — די פאַרביסענע שנאה צו יידיש צי די פאַרקאָכטקייט אין העברעיש. אודאי איז זייער שווער צו מאַכען

פּין בלינד זעענדיק. די שווערסטע זאַך איז צו באַווייזען, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר. מיר האָבען, אָבער, קיין ברירה נישט. צו פיל ליאַרעמען זיי און פאַרטויבען די מוחות, צו וויינינק האָבען יידען געקלערט וועגען דעם, און אַ סך מענטשען פון דעם יידישלעכען קלאַס מיינען בתמימות, אַז די העברעיסטען מיינען נישט אויפטון קיין נייעס, נאָר פירען דעם אַלטען יידישלעכען שטייגער למוד. מוז מען דאָס אַלץ אויפדעקען, נאָכגיין די העברעיסטען פוסטריט, כדי יעדען זאָל קלאָר ווערען, פון וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

יידיש איז קיין שפּראַך נישט.

ראשית, טענהן די העברעיסטען, דאַרף מען אויף יידיש נישט לערנען, ווייל יידיש איז קיין שפּראַך נישט, יידיש איז „אַ זשאַרגאָן", אַ פאַרדאָרבען פרעמד לשון. דאָס איז די נאַרישסטע טענה, וואָס ס'גיט נאָר אין דער וועלט. אויף אַ שפּראַך פרעגט מען קיין יחוס נישט, אַזוי ווי מ'פרעגט נישט קיין יחוס בּאַ קיין מאַמע. קיין פאָלק קלייבט זיך נישט אויס קיין שפּראַך, וואָס-פאַר-אַ עס וויל, אַזוי ווי מ'קלייבט זיך נישט צו קיין מאַמע. נישט צופעליק און נישט מיט'ן ביייזען ווילען האָבען יידען פאַרגעסען לשון-קודש און האָבען איבערגענומען אַ פרעמדע שפּראַך. דאָס לעבען האָט אַזוי געהייסען, אַנדערש האָבען אונדזערע עלטערען נישט געקאָנט טון! נישט נאָר אין „גלות", ווי העברעיסטען און ציוניסטען ווילען אונדז איינרעדען, האָבען יידען אויפגעהערט צו רעדען לשון-קודש, נאָר אין זייער לאַנד, אין ארץ-ישראל אויך. הונדערטער יאָרען, בעת דעם בית-שני, האָבען יידען אין ארץ-ישראל גופא שוין נישט גערעדט לשון-קודש, נאָר אַראַמיש. אָבער דאָס דאָזיקע אַלטדייטשע לשון, דאָס יידיש, וואָס מיר רעדען, שרייבען, טראַכטען און פילען איצט, איז שוין אַ שפּראַך בּאַ יידען טויזענט יאָר. פאַר די דאָזיקע טויזענט יאָר איז דאָס שוין אונדזער

שפראַך געוואָרען, ניִשט קיין פרעמדע. קיין ייִד, אין משך פון אַנגע דרת, ווער שמועסט שוין היינט, האָט ניִשט דאָס געפיִל, אַז ער רעט אויף אַ פרעמדער שפראַך, דאָס איז זיין שפראַך, אַזויווי זיין טאַטע-מאַמע, אַזויווי זיין גוף, זיין נשמה. פאַרקערט! דאָס פאָלק האָט זיך אַזוי צוגעוויינט צו זיין כלומר'שט „דייטשישער" שפראַך, האַלט עס אַזוי ווייט פאַר אייגענס, אַז ווען איינער וויל, מ'זאָל אים עפּעס געבען צו פאַרשטיין פון אַ פרעמדער שפראַך, אפילו פון לשון-קודש, אָדער אַזוי אַ נייע, אַ פרעמדע זאַך בכלל, זאָגט ער: „וואָס טייטש"? „פאַרטייטשט עס מיר"! „פאַרטייטשען" הייסט באַ ייִדען: געבען צו פאַרשטיין אַ זאַך מאַכען אַזוי, אַז פון פרעמד און ניי זאָל עס ווערען באַקאַנט און אייגענס. „טייטש"—איז אייגענס; דאָס, וואָס מ'פאַרשטייט,—אָבער ניִשט קיין פרעמדס. דאָס פאָלק חקרנ'ט-זיך ניִשט, נאָר ס'פיִלט מיט'ן האַרצען, מיט אַלע חושים, אַז ייִדיש איז זיין שפראַך. ניִשט אומזיסט דערציילט מען דאָס גלייכווערטעל, ווי דער ייִד זאָגט אויפ'ן דייטש, אַז די שפראַך הרג'עט אים אַוועק, דאָס הייסט: דער דייטש רעט שלעכט ייִדיש, ניִשט פאַרקערט.

און ניִשט אומזיסט איז עס אַזוי. וואָרום ניִשט סתם אַ פרעמדע שפראַך האָבען מיר איבערגענומען, נאָר האָבען באַוויזען די גרעסטע קונץ: פון אַ פרעמדער שפראַך האָבען מיר אַנ'אייגענע געמאַכט. מיר האָבען פאַרייִדישט די פרעמדע שפראַך, מיר האָבען איבערגעגאָסען, איבערגעלייטערט די אַלט-דייטשישע שפראַך אין אַ ייִדישער פאָרם, אויפ'ן ייִדישען גייסט. פרעמדע ווערטער האָבען מיר גענומען, אָבער מיר האָבען אַריינגעלייגט אין זיי אַ ייִדישע נשמה. מיר האָבען איבערגעקנאָטען די פרעמדע שפראַך מיט אַ מענגע לשון-קודש'דיקע ווערטער. אַ גרויסער טייל ווערטער, וואָס מיר דאַרפען פאַר דער נשמה, פאַר דעם ייִדישען גייסט און לעבען, האָבען מיר אַריינגעזעצט פון לשון-קודש. נאָכמער: אַפילו אין אַ סך דייטשישע ווערטער לייגען מיר אַריין אַנ'אַנדער טייטש, אַ ייִדישען זין, דער

דײַטש ווערט עס קײנמאָל נישט פאַרשטײן, דאָס אײגענע אויך מיט אַ סך לשון־קודש-ווערטער. די ייִדישע שפּראַך האָט באַשאַפען פאַר-זיך, פאַר איר געברויך, אַזוינע לשון-קודש-ווערטער און אויסדריקען, וואָס אין העברעיִש נוצט מען זײ נישט, אָדער זײ האָבען אַנ׳אַנדער טײַטש.*) אַזוי איז שוין דער כּוח פון אַ פאָלק, בפרט נאָך פון אַזאַ הויך-גײַסטיק פאָלק, ווי ייִדען. צו מאַכען פון פרעמדס אײגענס, דערויף האָבען געאַרבעט דורות סוחרים, לומדים און גאונים, פאָלקס-מענטשען און שרײַבער. לשון-קודש-ווערטער, איבערגעאַנדערשטע ווערטער, נײַע אויסדריקען, אַ גאַנץ אַנדער בנין פון דער גאַנצער שפּראַך, ייִדישער וויץ, ווערטלעך. די גאַנצע ייִדישע פאָלקס-נשמה ליגט אין דער דאָזיקער כלומר׳שט „פרעמדער" שפּראַך. פון דיזעלבע ציגעל בויט מען אַ קלויסטער און להבדיל אַ מקום-קדוש. ייִדען האָבען זײערס געטאָן מיט די ציגעל פון דער פרעמדער שפּראַך. אין אַ פרעמדען לבוש האָבען זײ אַרײַנגעטאָן אַנ׳אײגענע נשמה, און דערום ווייסען ייִדען, פילען ייִדען, אַז ס׳איז זײער שפּראַך, נישט קײן פרעמדע. און אַזוי פאַרשטײט אויך די גאַנצע וועלט, וואָס איז נישט פאַרבלענדעט. די וועלט ווײסט, אַז ייִדיש איז אַ ייִדישע שפּראַך, נישט קײן דײַטש. אַזוי ווי האָלענדיש, נאָרוועגיש, שוועדיש און נאָך אַנדערע שפּראַכען זענען נישט דײַטש, כאָטש זײ שטאַמען פון דעמזעלבען שפּראַך-שורש.

ממילא פאַלט שוין אַראָפּ די טענה, אַז ייִדיש איז אַ „זשאַרגאָן", דאָס הײסט, פאַרדאָרבען דײַטש. ייִדיש איז אַנדערש, פון דײַטש, נישט קײן פאַרדאָרבען דײַטש. ייִדיש איז אַנדערש

*) אויף ייִדיש זאָגט מען, למשל, „כלי-זמר", און מ׳מײנט נישט די כלים, וואָס מ׳שפּילט אויף זײ, נאָר די שפּילער. „הושענא" מײנט מען נישט „העלף", נאָר די ווערבע. „קדיש" זאָגט מען אויך אויף אַ זון, וואָס זאָגט קדיש. אויף ייִדיש זאָגט מען אויף אַ נאַרישען מענטש „אַ בהמה", אויף אַנ׳אײַנגעשפּאַרטען זאָגט מען „אַ דבוק" וכדומה אַזוינע ווערטער, וואָס אין העברעיִש נוצט מען זײ נישט אַזוי.

אויסגעוואַקסען אַ י ד ע ר ד ײַ ט ש. פון דעמזעלבען זאָמען וואַקסען-אויס אויף פאַרשידענער ערד פלאַנצען מיט פאַרשידענע זאַפטען, מיט פאַרשידענע פאַרבען. פאַרשידען זענען מענטשען-ראַסען, פאַרשידען זענען פעלקער, כאָטש זיי שטאַמען פון איינע און דיזעלבע אור-עלטערען. פאַרשידען זענען אויך שפּראַכען, כאָטש זיי שטאַמען פון איין שורש. און אַזוי ווי מ׳קאָן נישט זאָגען, אַז אַזיאַטישע פעלקער זענען פאַרדאָרבענע אייראָפּעער, אַז אַ כינעזער, למשל, איז אַן איבערגעקרומטער פראַנצויז, אַזוי איז אויך נאַריש צו זאָגען, אַז ייִדיש איז אַ פאַרדאָרבען דײַטש. ייִדיש איז ייִדיש נישט קיין ערגערער, נישט קיין בעסערער דײַטש. ווארום אַ שפּראַך איז נישט סתם קיין ווערטער, אַ ש פּ ר אַ ך א י ז אַ נ ש מ ה, אַ פאָלקס-גייסט. און די נשמה, דער פאָלקס-גייסט אין ייִדיש—איז אַ ייִדישער. איך רעד שוין דאָ נישט דערפון, וואָס מבינות אויף ייִדיש, זאָגען אַלעמאָל ע ם ־ ה א ר צ י ם, מענטשען, וואָס האָבען נישט די מינדסטע ידיעה אין שפּראַך-וויסענשאַפט. גראָד דײַטשישע שפּראַך-געלערענטע פאַרשטייען די זאַך אַ סך בעסער, איידער אונדזערע וויסטע דריי-קעפּ, זיי ווייסען און זאָגען, אַז ייִדיש איז אַן איינגענאַרטיק לשון, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט זיך אויסגעאַרבעט. מ׳דאַרף, אָבער, זײַן בלינד, אָדער אַ צו־להכעיס׳ניק, צו זאָגען, אַז ייִדיש, די שפּראַך פון ייִדישע לומדים און גאונים; די שפּראַך, וואָס פאַרמאָגט שוין אַ ליטעראַטור פון הונדערטער יאָרען, און וואָס איצט באַנוצען זיך מיט איר געבילדעטע און פּאָליטיקער, שרייבער און דענקער; די שפּראַך, וואָס אירע ווערק זעצט מען שוין איבער אויף אַנדערע שפּראַכען, אַז די דאָזיקע שפּראַך איז אַ זשאַרגאָן, אַ פאַרדאָרבענע זאַך.

און נאָכאַמאָל: ייִדיש איז אין אונדזער פאָלקס־שול אין אין האַרצען בײַ אונדז דורות לאַנג. ייִדיש האָט אונדז געדינט און דינט איצט אויך, ווי אַ געטרייע מאַמע. אויף קיין מאַמע זעט מען, אָבער, קיין חסרונות נישט. אַ קאַליקע אַ מאַמע, איז

אויך אַ מאַמע, און זי איז בעסער, ליבער פאַר דער שענצטער-פיינסטער שטיפמאַמע.

מ׳דאַרף לערנען אַלצדינק אויף העברעיש.

די גאַנצע מעשה, אַז יידיש איז אַ פרעמדע שפראַך, אַ זשאַרגאָן, איז נישט מער, ווי אַ חקירה, אַ קאָפּשטיק, פאַרשטייען עס די בעסערע, די ערלעכע צווישען די העברעיסטען, זייער וויל. מ׳וויל זיך, אָבער, דוקא האַלטען באַ דער חקירה, ווייל ס׳לוינט אַזוי. מ׳דאַרף פאַר׳מאוס׳ען יידיש, כדי צו ראַטעווען העברעיש. און ווייטער אַ חקירה: איז יידיש קיין שפראַך נישט, און אַ שפראַך דאַרף דאָך אַ פאָלק האָבען, ממילא דאַרף העברעיש זיין אונדזער שפראַך. איינס, צוויי, דריי, אַזויווי דער קונצענמאַכער מיט׳ן שטעקעלע, און דערפון ווערט שוין, אַז העברעיש איז פון תמיד-אָן אונדזער שפראַך, און ממילא דאַרף מען לערנען אין דער שול אַלץ אויף העברעיש.

מ׳דאַרף! לאָמיר זאָגען, אַז די חקירה איז ריכטיק. פרעגט זיך, אָבער, צי קאָנען מיר דאָס דערלאַנגען? צי דערפון, וואָס מיר ווילען זיך זאָגען, אַז העברעיש איז פון אייביג-אָן אונדזער נאַציאָנאַלישע שפראַך, אַז דאָס פאָלק לעבט מיט׳ן כוח פון דער העברעישער שפראַך, אַז העברעיש און העברעיש,—צי דערפון איז געדרונגען, אַז מ׳קאָן לערנען מיט׳ן קינד אויף אַ שפראַך, וואָס דאָס קינד פאַרשטייט נישט? ס׳איז קלאָר, אַז נישט קיין אַנדערע שפראַך;—זאָל זי זיין ווי הויכגעשעצט און געקרוינט, ווי איר ווילט,—קאָן נישט פאַרבייטען אין דער שול דעם קינדס מאַמע-לשון, די שפראַך פון דער סביבה, בפרט נאָך העברעיש! רוסיש אָדער פוילניש האָט כאָטש די מעלה, וואָס דאָס איז אַ לעבעדיקע שפראַך, אונדזערע שכנים,—רוסען, פאָליאַקען,—רעדען אויף דער שפראַך, דאָס קינד הערט די שפראַך אויף דער גאַס, ממילא קלינגט זי אים נישט גאָר פרעמד, און עס איז מיט דערדאָ-

קער שפּראַך נִישט גאָר אָפּגעריִסען פון דער וועלט. אויף העב־רעיִש, ווי נאָענט צום האַרצען און טײַער דאָס זאָל אונדז נִישט זײַן, קאָן מען די מעלה אויך נִישט זאָגען, וואָרום אויף העברעיִש רעט קײנער נִישט, אויף העברעיִש איז דאָס קינד לחלוטין שטום.

די העברעיִסטען האַלטען זיך פאַר הײַנטוועלטיִקע מענטשען, און לאַכען פון „בטלנים", פון אַלטמאָדישע חדרים, פון דער אַלט־מאָדישער אַרט דערציִונג, זײ ווילען שוין האָבען, אַז יִידישע קינדער זאָל מען דערציִען, ווי הײַנטוועלטיִקע מענטשען, אין הײַנטוועלטיִקע שולען, און פון פּעדאַגאָגיע האַלטען זײ גאָר עולם ומלואו; איבער יעדע צווײ ווערטער דאָס דריִטע איז בײַ זײ „פּעדאַגאָגיע" אין מויל. אָבער דער ערשטער כּלל פון פּעדאַגאָ־גיע אויף דער גאָרער וועלט איז, אַז מיִט קינדער דאַרף מען לערנען אין דער שול אויף זײער מאַמע־לשון. אָבער ווי ס׳קומט נאָר צו יִידיש, איז ווערט מיִטאַמאָל אויס פּעדאַגאָגיע. פאַר דער גאָרער וועלט איז טאַקע מאַמע־לשון גוט און וויל, אַנדערש קאָן מען גאָרנִישט, אָבער פאַר יִידישע קינדער איז דאָס אַ סם, מיִט יִידישע קינדער דאַרף מען לערנען דוקא אויף העברעיִש, וואָס דאָס קינד פאַרשטײט נִישט, וואָס קײנער רעט נִישט. פאַרי בײגט מען שוין פּעדאַגאָגיע אָן אַ זײַט, ווײַל העברעיִש—זאָגען זײ—איז די „נאַציאָנאַלע" שפּראַך, ווײַל דעם יִידישען פאָלק איז די העברעיִשע שפּראַך הײליִג, און דאָס יִידישע פאָלק וויל נִישט אַנדערש, נאָר אַז די העברעיִשע שפּראַך זאָל זײַן בײַ זײַנע קינדער אין מויל.

וואָס קלערט דאָס פאָלק פון העברעיִש?

פרעגט זיך, אָבער, צי איז דאָס טאַקע אַזוי, ווי די העב־רעיִסטען זאָגען? צי האַלט טאַקע דאָס פאָלק פון העברעיִש אַזוי, ווי די העברעיִסטען ווילען אײַנרעדען אַ וועלט, אפשר זיך אַלײן אײַנרעדען, אַז יִידען האָבען אַלעמאָל געגאַרט צו פאַרבײַטען זײער פאָלקס־שפּראַך אויף העברעיִש?

ניין, קיינמאָל נישט! אָט דאָ ליגט אַ גרויסער טעות, אָדער גאָר אַ דריי מיט'ן גראָבען פינגער, וואָס וויל מאַכען פון שוואַרץ ווייס, פון וואָכעדיק—הייליג. יידען האָבען תמיד געהאַלטען און האַלטען איצט אויך פאַר הייליג לשון-קודש, אָבער נישט העברעיש. נישט די שפּראַך פאַר-זיך איז בּאַ זיי הייליג, נישט די ווערטער נאָר דער תוך, דאָס, וואָס ס'שטייט אויף דער שפּראַך. איז אויף דער שפּראַך געשריבען, די תורה, הייליגע ספרים, —איז דאָס בּאַ יידען לשון-קודש, הייליג. הייליג איז בּאַ יידען תרגום, גמרא; הייליג איז זהר, וואָס איז געשריבען אויף אַ האַלב-תרגום-לשון און גאָרנישט אויף ריין-העברעיש. פאַרקערט, איז אויף דער שפּראַך נישט קיין הייליגע זאַכען, נאָר וואָכעדיקע, מעג עס זיין אויף דער פיינסטער העברעישער מליצה, איז דאָ בּאַ יידען קיין שום הייליקייט נישט פאַראַן, איז דאָס וואָכעדיק גאָר און גאָר, אַזוי ווי ס'וואָלט געשריבען-געווען אויף יעדער אַנדער שפּראַך. יהודה-הלוי'ס „ציון הלא תשאלי" איז אַריין אין די קינות. בּאַ יידען איז דאָס הייליג. אָבער דעמזעלבען יהודה-הלוי'ס ים-לידער זענען וואָכעדיק. יידען ווייסען אַפילו נישט פון זיי. ווער שמועסט שוין פון היינטיקע העברעיסטישע מעטאָדעס, פון היינטמאָדישע מעשיות און לידלעך פון אַ קעצעלע מיט אַ הינטעלע, פון אַ דריידעל מיט אַ גרעגער אויף העברעיש, וואָס העברעיסטען ווילען מיט דעם שטאָפּען יידישע קינדער,—דאָס איז נעבען הייליג אַפילו נישט געשטאַנען. נאָכמער: אַזעלכע מעשה'לעך און לידעלעך זענען בּאַ פשוט'ע יידען אַ חלול-הקודש! דאָס הייסט בּאַ זיי נישט דערהויבען, נאָר פאַרשוועכען די הייליגע שפּראַך. הקצור, יידען האַלטען פון לשון-קודש, אָבער נישט פון העברעיש. און לשון-קודש איז בּאַ זיי תורה, נישט קיין בּבא-מעשיות און לידעלעך. יידען-לומדים און חסידים, האָבען קיינמאָל נישט געהאַלטען פון קיין פוסטער מליצה. זיי האָבען געשריבען אַ בּריוועל אויף לשון-קודש, אָבער אָהן קונצען. אַזוי ווי זיי האָבען געקענט, פאַר-

בראַקט מיט יידישע ווערטער און יידישע אויסדריקען. דקדוק און „טהרת-הלשון“ איז זיי וויינינק-וואָס אָנגעגאַנגען. קיין שפּראַך פאַר-זיך, קיין מעטאָדעס האָבען זיי קיינמאָל נישט געלערענט.

און פונקט פאַרקערט איז באַ די נייַמאָדישע העברעיסטען: תורה און ספרים גייט זיי ווייניק אָן, דער עיקר איז די שפּראַך און דקדוק, די בבא-מעשיות און לידלעך—דערויף זענען זיי דאָך היינטוועלטיקע מענטשען און נישט קיין „בטלנים“. און דאָ מוז אויפגעדעקט-ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט אַנ׳עולה, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגען יידען. אַ סך העברעיסטען, דערהויפּט פון דעם מין אַגיטאַטאָרס, קנאַקערס, ווען זיי קומען צום פאָלק, צום פּשוט׳ן יידען, ווילען זיי אים איינרעדען, אַז די „יידישיסטען“ זענען עוכרי-ישראל, זיי ווילען נישט הערען פון תורה און מצוות, זיי פירען, רחמנא לצלן, יידישע קינדער צו שמד. אַקעגען, אָבער, זענען זיי, די העב-רעיסטען, „אמת׳ע יידען“,—טאַקע וואָס יידען הייסט, אַ סימן האָט איר: זיי האַלטען אַזוי פון לשון-קודש, דאָס הייסט, פון תורה. מוז דאָ געזאָגט ווערען, אַז די מעשה איז גאָרנישט אַזוי. היינ-טיקע העברעיסטען, אָט די דקדוק-און מליצה-יידען, האַלטען אַזויפיל פון תורה, וויפיעל די יידישיסטען האַלטען. נישט די תורה לערענט מען באַ העברעיסטען נאָר די שפּראַך. נישט חומש מיט רש״י לערנען זיי מיט׳ן קינד, נאָר „ספורי המקרא“, דאָס הייסט, אַ קצור פון חומש. בלויז די „מעשיות“ פונ׳ם חומש, וואָס לייגען-זיך דעם קינד אויפ׳ן שכל, אַזוי ווי טויזענט אַנדערע מעשיות, וואָס מ׳דערציילט דעם קינד, פון וואָס איר ווילט, און וואָס האָבען צו חומש און יידישקייט קיין שום שייכות נישט. דאָס איז סתם-מעשה׳לעך באַ זיי, וואָכעדיקע, שיינע מעשה׳לעך, נישט דער הייליגער חומש, נישט דער גאָטספּאָרכטיקער גייסט, וואָס האָט געהערשט אין חדר, וואָס יידען זעען אים אין חומש. אין דעם העברעיסטישען קדשי-קדשים, אין דער העברעישער גימנאַזיע אין יאַפע, לערענט מען תנ״ך מיט ביבעל-קריטיק,

אַזויווי געלערענטע, מייסטענס קריסטלעכע, טייטשען־אויס דעם תנ״ך, דאָס הייסט, ליט יידישע השגות, אַפּיקורס׳ יש אויפ׳ן העכסטען גראַד. אַזוי ווייט איז מען פאַרגלייבט אין די ביבעל־קריטיקער, אַז ס׳האָט שוין פאַרדראָסען אַפילו איינעם פון זייערע, דעם בעסטען און ערלעכסטען פון די העברעיסטען, דעם שרייבער אחד־העמ׳ען, און ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי לערנען מיט יידישע קינדער תנ״ך, ווי מ׳לערענט אין דער העברעיסטישער גימנאַזיע אין יאַפּע (אין ארץ־ישראל), איז אַ חוזק. הקצור, די העברעיסטען און זייערע לערער זענען פונקט דיזעלבע היינטוועלטיקע מענטשען ד. ה. אפּיקורסים, אַזויווי די יידישיסטען. נישט די תורה, נישט פרומקייט זענען זיי אויסען; נישט מדריך־זיין דאָס קינד אין פרום־יידישלעכען גייסט ווילען זיי,—נאָר אדרבא, זיי ווילען אויפקלערען דאָס יידישע קינד. זיי ווילען מאַכען פון דעם יידישען קינד אַ היינטוועלטיקען מענטש. און טאַקע מהאי־טעמא הייבען זיי אָן פון אַנדערע זאַכען, פון מעטאָדעס מיט מעשיות און לידלעך וועגען קעצעלעך און הינטעלעך, וועגען פעלד און וואַלד, וועגען וואָס איר ווילט, און דערנאָך ערשט קומט מען צו דעם „ספורי־המקרא“, צו די מעשיות פון חומש: דאָס איז דאָך אויך העברעישע שפּראַך! דער חילוק פון העברעיסטען ביז יידישיסטען איז נאָר דער, וואָס זיי, די העברעיסטען, ווילען נישט אַנדערש, נאָר אָט די מעשיות און לידלעך זאָלען געלערענט ווערען אויף העברעיש. אַז יידישיסטען טוען עס, קרומט מען זיך און מ׳זאָגט: מיט וואָס פאַרברענגען יידישע קינדער! נאָר ווײַבאַלט דאָס אייגענע אויף העברעיש—איז שוין רעכט, דאָס איז שוין יידישלעך און תכלית! דער חילוק איז, וואָס אויף יידיש פאַרשטייט כאָטש דאָס יידישע קינד און ס׳ווערט כאָטש אַ היינטוועלטיקער מענטש, און אויף העברעיש, איז נישט דאָס, נישט יענץ, נישט קיין פרומער ייד, נישט קיין היינטוועלטיקער מענטש אויך, וואָרום אויף אַ פרעמדער שפּראַך קאָן מען אויסלערנען אַ קינד אַ פּאָר הונדערט ווערטער, נישט

אָבער, געבען דעם קינד אַ וועלט צו זען. יידען, אָבער, ווייל מען איינרעדען, אַז מיט העברעיש איז מען א יסטן יידישקייט און תּורה! אָבער יעדער ייד, וואָס איז נישט גענאַרט באַ זיך, וועט שוין דערפון אַרויסזען, אַז ווען העברעיסטען רעדען פון העברעיש—איז עס כלל נישט דאָס, וואָס יידען מיינען מיט לשון-קודש.

און ווייל יידען האַלטען פון לשון-קודש, פון תּורה און פון היילינע ספרים, נישט פון דער שפּראַך סתם, נישט פון דעם היינטמאָדישען העברעיש, דעריבער האָבען זיי גאָר קיינמאָל נישט בדעה-געהאַט אָנצוהייבען ווידער צו רעדען אויף העברעיש, דאָס הייסט, צו מאַכען פון דער היילינער שפּראַך אַ וואָכעדיקע. אדרבא! יידען האָבען אויסגעצייכענט פאַרשטאַנען, אַז דער עיקר איז דער תּוך, נישט די ווערטער, „שמע—בכל לשון שאתה שומע”, שטייט באַ אונדז, באַ יידען איז דער תּרגום, דאָס הייסט אַנ׳אָי-בערזעצונג פון דער תּורה אויף דער שפּראַך, וואָס יידען האָבען דאַמאָלס פאַרשטאַנען, אויך היילינ, און מ׳איז מעביר די סדרה שנים מקרא ואחד תּרגום. יידען האָבען תּמיד איבערגעזעצט די תּורה אויף דער שפּראַך, וואָס זיי האָבען גערעט, אויף יידיש אויך, רבנים און לומדים האָבען מחבר-געווען מוסר-ספרים אויף יידיש. הקצור, יידען האָבען געטאָן אַלץ, כדי אַריינצוטראָגען וואָס מער יידישקייט און היליקייט אין דער יידישער שפּראַך אַריין, אין זייער געוויינלעכען לעבענס-שטייגער, נישט פאַרקערט, נישט וואָכעדיק צו מאַכען די היילינע שפּראַך, לשון-קודש, נישט רעדען, האַנדלען און וואַנדלען, אַ וועלט אויספירען אויף לשון-קודש. יידען האָבען זיך געווערטעלט אין גוטען מוט אויף „ירושלמי׳ס”, פרענקען, וואָס רעדען עפּעס אַ מאָדנע לשון-קודש, געגעבען זיי אַ נדבה, אָבער קיינמאָל האָבען יידען זיי נישט מקנא-געווען, נישט געגאַרט, אַז זייערע אייגענע קינדער זאָלען רעדען לשון-קודש: צי איז מען דען מיט תּורה און מיט יידיש אַ שלעכטער ייד? אַזוי קלערען באמת יידען, און דעריבער האָט

בײַ זײ אין די אויגען דער גאַנצער העברעיסטישער אָנשטעל אַ פּנים פון חוזק. העברעיש אַלס אַ שפּראַך פאַר-זיך, מליצה און דקדוק איז אַלעמאָל געווען בײַ אונדז אַ זאַך פון משכּילים, פון אויפגעקלערטע, פון האַלבע, אָדער גאַנצע אַפּיקורסים. אַז דער כּוח פון דער תּורה האָט זיך שוין בײַ זײ געפעלט, אַז מ'האָט שוין אויפגעהערט צו לעבען, ווי יידען לעבען; צו טראַכטען און פילען, ווי יידען, אַז מ'האָט שוין גערעט אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אויף רוסיש אָדער אויף פּויליש. אַז מ'איז שוין געלעגען טיף, טיף אין אַ פרעמדער, אין אַ גוישער וועלט און מ'האָט זיך שוין גאָר און גאָר אָפּגעטרײסעלט. פון יידישקײט. דאַמאָלס האָבען משכּילים גענומען הײבען אויף דרוקעס העברעיש, דאָס הײסט די שפּראַך פאַר-זיך, הײנטוועלטיקע ביכער, וויסענשאַפט און ליבע-מעשיות, חקירה און שירים. העברעיש האָט געזאָלט זײַן דער שארית-הפּלטה, וואָס האָט באַדאַרפט דערהאַלטען בײַ יידישקײט דעם צווײטען דור, די משכּילים'ס קינדער, וואָס זײ, די קינדער, זענען שוין גאָר ווײַט אַוועק פון יידען און פון יידישקײט. דאָס האָט געזאָלט זײַן אַ שטיק יחוס-בריף פאַר דער וועלט: זעט, מיר האָבען אויך אַ שפּראַך און הײַנטוועלטיקע ביכער, אַזויווי איר האָט. מיר זענען נישט קײן נעכטיקע. נאָר זײ, די משכּילים, זענען אויך נישט געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אויף העברעיש זאָל מען לערנען אין שולען, אָדער יידען זאָלען גאָר רעדען אויף העברעיש. זײ האָבען געוואָלט, ווי מיר האָבען שוין פריער גע-זען, פּטור-ווערען פון יידיש, כּדי אָנשטאָט יידיש זאָל קומען די לאַנד-שפּראַך, רוסיש אָדער פּויליש. פאַר דער וועלט, פאַר דער גאַס—די לאַנד-שפּראַך לערנען, רעדען, אַרבעטען און טון—אויף דער לאַנדשפּראַך, פאַר-זיך, אין דערהײם—אַ העברעיש ביכעל. מער האָבען זײ נישט גע'חלומ'ט אַפילו. וואָרום יעדענפאַלס האָבען זײ געהאַט אַ קלאָרען פאַרשטאַנד, אַז העברעיש אײַנפירען אַלס אַ לעבעדיקע שפּראַך איז אוממעגלעך.

צי מיינען טאַקע די העברעיסטען, אַז העברעיש וועט ווערען אין „גלות" אַ לעבעדיקע שפּראַך?

ווייסען עס די העברעיסטען אויך זייער וואויל. זיי גלייבען אויך ניט, אַז העברעיש וועט ווערען די לעבעדיקע שפּראַך בּאַ יידען, אַנשטאָט יידיש; און זיי קאָנען גאָרניט גלייבען אין אַזאַ חלום. העברעיסטען זענען דאָך ציוניסטען. און ציוניסטען דרש'ענען דאָך אַלע יאָרען, אַז דאָ, אין „גלות", מוזען יידען אומקומען, ס'העלפט ניט! הימעל און ערד זאָלען קומען, מוזען זיך יידען אַסימילירען, דאָס הייסט, זיי מוזען זיך אויסמישען מיט די אַרומיקע פעלקער, ווערען אויס יידען. און טאַקע מהאי-טעמא, זאָגען זיי, אויב יידען ווילען בלייבען יידען, מוזען זיי אַנטלויפען קיין ארץ-ישראל, און מאַכען דאָרט אַן אייגענע מלוכה מיט לייטען גלייך. פרעגט זיך, איינס פון די ביידע: אויב יידען מוזען זיך אין גלות אַסימילירען; ס'וועט ניט העלפען ניט דאָ יידישע שפּראַך, וואָס בּאַהעפט זיי אינאיינעם אַלס אַ פאָלק טויזענט יאָר, ניט דאָס יידישע אַרט לעבען, מנהגים וכדומה, היינט וויאַזוי זשע ווילען זיי דערהאַלטען לשון-קודש? און ניט נאָר דערהאַלטען לשון-קודש, ווי ביזאַהער, נאָר נאָכ-מער: מאַכען פון העברעיש אַ לעבעדיקע שפּראַך, וואָס טויזענטער יאָרען זענען מיר שוין פון דעם אָפּגעריסען? אָדער אויב, ווי-דער יידען זענען שטאַרק בּאַ זיך און אַזוי גרויס אַלס אַ פאָלק, אַז זיי ווילען דאָ, אין ביטערען „גלות", טאַקע מאַכען פון העב-רעיש אַ לעבעדיקע שפּראַך, יידען ווילען רעדען און שרייבען אויף העברעיש, טראַכטען און לערנען, האַנדלען און וואַנדלען אויף העברעיש, הקצור, יידען ווילען ווערען לשון-קודש-יידען, כשנים קדמוניות, אַזוי ווי בּאַם בית-ראשון צו שלמה-המלכ'ס צייטען, איז דאָך גאָר דער „גלות" קיין גלות ניט, ווילען זיך דאָך יידען ניט אַסימילירען. וואָרום וואָס איז אַזוינס אַסי-

מיליאַציע, אויב ניִשט קודם-כל דאָס, וואָס מ'נעמט איבער אַ פרעמדע שפּראַך? איז צו וואָס דאַרפען יידען ציון, אַז דאָס בעס-טע און דאָס שענסטע, וואָס זיי וועלען דאָרט דערלאַנגען, לויט דער ציוניסטישער דעה, די העברעישע שפּראַך, קאָנען זיי דער-לאַנגען דאָ, אין „גלות"?

וואָלט דאָס טאַקע געווען אַ האַרב שטיקעל מהרש"א, נישט אַרויסצעקריכען, ווען די ציוניסטען און העברעיסטען זאָלען דאָס טאַקע מיינען ערנסט מיט העברעיש, ווען זיי זאָלען טאַקע באמת גלייבען, ווי איינציגע היץ-קעפּ זייערע ווילען איינרעדען, אַז העב-רעיש וועט ווערען דאָ, אין „גלות", די לעבעדיקע שפּראַך בּאַ יידען אַנשטאָט יידיש. וואָס-זשע טוט גאָט? גלייבען זיי טאַ-קע אין דער גאַנצער מעשה נישט, אַ חוץ אַ פּאָר צענדליק היץ-קעפּ און שטערען-קוקער. און אויב זיי האַלטען דאָך שטאָל און אייזען פון העברעיש און ווילען דוקא, אַז יידישע קינדער זאָ-לען אויסגעריסען-ווערען אין די פאָלקסשולען אויף העברעיש,— איז מיינען זיי דערמיט נישט דעם ווינסטיגען „גלות" נאָר ארץ-ישראל. מ'וויל דערלעבען נחת לאחרית-הימים אין ארץ-ישראל, דאַרף מען שוין איצט צוגרייטען יידישע קינדער דאָ, אין „גלות", אויסבאַקען פאַרטיגע ארץ-ישראל-יידעלעך. נישט פאַר יידישע קינדער זאָרגען זיי, נישט דאָס קינד האָט מען דאָ אין זינען, אַז דאָס זאָל זיך עפּעס אויסלערנען, ווערען אַ מענטש, נאָר דאָס הייליגע לאַנד. מ'דאַרף ברענגען פאַר אַ קרבן יידישע קינדער דאָ, אין „גלות", צוליב דעם חלום פון דעם הייליגען לאַנד. צוליב דעם חלום פון אַן אַלט-ניי העברעיש פאָלק, וואָס זאָל אַמאָל אויפ-געריכט ווערען אין ארץ-ישראל! און דעריבער דאַרף מען רודפ'ן די יידישע פאָלקסשפּראַך, וואָרום זי דערלענגערט דעם „גלות", זי האַלט צונויף יידען אינאיינעם אַלס אַ פאָלק, זי בּאַ-ווייזט, אַז יידען האָבען נאָך כוח צו באַשטיין אַקעגען אַסימי-לאַציע, קעגען פאַר'גוי'שען זיך. יידען וענען, אָבער, נישט קיין

חולה-מסוכן, און ממילא דאַרפען זײ נישט אָנקומען צו קײן זװיערשטאָף-קישעלעך פון ארץ-ישראל און פון אַנ'אױסגעקלערטען נײ-העברעיש. אמת, אָנשטאָט ײדיש,—אויב ס'זאָל באמת טרעפען „אַ גליק”, אַז ס'זאָל בטל-װערען בײַ ײדען,—װעט קומען דאָ, אין „גלות”, די לאַנדשפּראַך: רוסיש, פּױליש, נישט קײן העברעיש. זאָל זײַן די לאַנדשפּראַך, אַזױ מוז דאָך זײַן, טענה'ן די ציוניסטען, אַז אַזױ װעט זײַן. אָבער דאָס איז נאָך בעסער: אַז ס'װעט װערען אױס ײדיש, װעלען ײדען לכל-הפּחות װיסען, אַז זײ דאַרפען קענען העברעיש, און אַז קײן אַנדער װעג האָבען זײ נישט, סײַדען ארץ-ישראל. און דערװײַל? דערװײַל זאָלען זיך ײדען אַסימילירען, זאָלען זײ אָנװערען דעם באַהעפּט, װאָס זײ האָבען איצט,—די ײדישע שפּראַך; זאָלען ײדישע קינדער זײַן טױב און שטום, מענטשען אָהן אַ שפּראַך,—נישט װיסען, װאָס פון אַ װעלט צו זאָגען. אומשטײנס געזאָגט, װאָס ײדען קאָנען זיך שוין דערלעבען אין „גלות” מיט ײדיש; װאָס זײ האָבען שוין דאָ װאָס אָנצוװערען! אָט דאָס איז דער לעצטער פּועל-יוצא פון דעם העברעיזם, הגם נישט תמיד זאָגט מען עס אַזױ אָפען און קלאָר! װי װײַט ײדען טראַכטען אַזױ באמת און װילען עס, קאָן שוין יעדערער פאַרשטײן, װער ס'איז נאָר נישט פאַרבלענט. דער קורצער סך-הכל איז אַזױ: העברעיש קאָן נישט װערען אין „גלות” און װעט נישט װערען קײן לעבעדיקע שפּראַך, אָנשטאָט ײדיש. װעלען מיר זיך האַלטען בײַ דער העברעיסטישער שיטה, װעלען מיר נישט קײן העברעיש, נישט קײן ײדיש נישט האָבען. אונדז װעט אײַנשלינגען די פרעמדע שפּראַך: רוסיש, פּױליש וכדומה. דאָס הײסט, אַז ײדען װעלען זיך אַסימילירען. דער פאַנאַטיזם פון די העברעיסטען, פון אָט די כפול-שמונה'דיקע נאַציאָנאַליסטען, פירט צו אַסימילאַציע: ײדען זאָלען װערען אױס ײדען.

צי דאַרף מען לערנען יידיש?

שטעלען מיר זיך אַזאַ פראַגע: מ'דאַרף איבערגעבען אַלע למודים אויף יידיש, דער גאַנצער שול-שטייגער, לערער מיט קינדער, קינדער צווישען זיך, דאַרף זיין אויף יידיש. נו, און וואָס איז מיט יידיש—מיט דער שפּראַך גופא? צי דאַרף מען יידיש אַלס שפּראַך פאַר-זיך לערנען אין דער שול? דער שכל-הישר זאָגט דערויף: אודאי יאָ! ווי דען אַנדערש? וויל מען נוצען די שפּראַך אין אַזויפיל פאַלען, וויל מען, אַז זי זאָל אונדז אַזויפיל דינען אין אינדזער בילדונג און אין לעבען, מוז מען טאַקע די שפּראַך גופא ערנסט לערנען—מיט קינדער אין די שולען, מיט עלטערע אויף אָוונט-קורסען וכדומה. קאָן דען אַ בעל-מלאכה רעכט קענען זיין מלאכה און רעכט טון אַ שטיקעל אַרבעט, אַז ער קען נישט זיין געציַיג, אַז ער קען נישט, אָדער האַלט נישט ריין, נישט אָנגעשאַרפט זיין הובעל, זיין האַק, זיין שלייפמעסער? און יידיש איז דאָך אַ געציַיג, אַ גייסטיק געציַיג, וואָס דורך דעם קומען מיר אַ וועלט צו זען. קאָן מען דען קוקען אויף דער וועלט דורך פאַרשטויבטע, פאַרשמוציגטע פענצטער?

אַזוי זאָגט דער שכל-הישר. אָבער העברעיסטען זענען דאָך נישט מחויב צו גיין מיט'ן גלייכען וועג, לייקענט מען, ווי דער שטייגער איז: יידיש? גאָר! ווער קען נישט יידיש? אַ יידענע אין מאַרק קאָן דאָך דאָס אויך,—וואָס איז דאָ פאַראַן יואָס צו לערנען? און ווען האָט מען עס בא יידען געלערענט יידיש?

איז תחלת לייגט-זיך דאָס עפּעס אויפ'ן שכל: טאַקע באמת, ווער קען נישט קיין יידיש? דער גאַנצער כּוח פון יידיש שטעקט דאָך, אייגענטלעך, אין דעם, וואָס מ'קען עס. דאַרף מען, הייסט עס באַוויַיזען, אַז יידיש דאַרף מען יאָ לערנען. נאָר פריער אַ פּאָר ווערטער וועגען דער שאלה פון די העברעיסטען: ווען האָט מען עס בא יידען געלערענט יידיש? דערויף קאָן מען

ענטפֿערען: נו, און ווען האָט מען עס בײַ ייִדען געלערענט העברעיִש? ייִדען האָבען בכלל אין חדרים, אין ישיבות קיין שפּראַכען ניט געלערענט, ייִדען האָבען געלערענט חומש, גמרא, ווייניקער שוין נביאים וכתובים, נאָר ניט קיין העברעיִש אַלס אַ שפּראַך פֿאַר-זיך. דקדוק מיט מליצה, מיט מעטאָדעס, דאָס האָט מען ניט געלערענט. ייִדען האָבען בכלל פֿון שפּראַכען קיין ווענען ניט געמאַכט, וואָרום תּורה איז געווען וויכטיקער און העכער איבער אַלץ, ממילא האָט מען זיך ניט אָפּגעגעבען ספּעציעל מיט ייִדיש. פֿונדעסטוועגען דאַרף מען זאָגען, אַז עפּעס האָט מען יאָ געלערענט. מ׳האָט, למשל, אין די חדרים אָפּט געלערענט קינדער שרײַבען ייִדיש, מ׳פֿלעגט געבען אַנ׳אַפּיר (אַ שורה-גריז) באָכשרײַבען, ס׳פֿלעגען אַרײַנגיין אַהיים שרײַבערס, וואָס פֿלעגען לערנען ייִדיש, דערהויפּט מיידלעך. הייסט עס, אַז לערנען ייִדיש, לייענען און שרײַבען, איז אפילו אַלטמאָדישע ייִדען ניט גאָר פֿועמד, דערהויפּט, אין בעל-הבית׳שען גראַד.

איצט וועגען דער טענה: ווער קען ניט קיין ייִדיש, און וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו לערנען? אויב מ׳זאָל גיין מיט די דרכים איז דאָך אַ קשיה, צו וואָס לערנען רוסען אין זייערע שולען רוסיש, פּאָליאַקען לערנען—פּויליש און דעסגלײַכען? וואָס פֿאַר אַ רוס קען דאָס קיין רוסיש ניט; וואָס פֿאַר אַ פּאָליאַק קען קיין פּויליש ניט? פֿונדעסטוועגען לערנען זיי יאָ זייער שפּראַך. איז דען אַ וועלט משוגע? נאָר אַ וועלט איז טאַקע ניט משוגע, און אַנ׳אייגענע שפּראַך דאַרף מען טאַקע פֿאָרט לערנען, כאָטש מ׳קען זי. וואָרום קענען צו קענען איז ניט גלײַך! שפּראַך צו שפּראַך איז ניט גלײַך. ס׳איז פֿאַראַן אַ שפּראַך פֿון אַ פּשוט׳ען, ניט געלערענטען מענטשען, און אַ שפּראַך פֿון אַ געבילדעטען מאַן; ס׳איז פֿאַראַן אַ מאַרקשפּראַך און ס׳איז פֿאַראַן ביכערשפּראַך. מ׳זאָגט בײַ אונדז אויף איינעם, וואָס רעדט שיין: „פּערל שיטען זיך אים פֿון מויל", הייסט עס, אַז אין פֿאָלק פֿאַרשטייט מען, וואָס הייסט קענען שפּראַך, און אַז ניט

אַלע קענען, און ווילען מיר, אַז אַ מענטש זאָל באמת קענען
זיין שפּראַך, דאַרף מען זי מיט אים לערנען, ער זאָל וויסען
אַ ר טיפקייט און איר שיינקייט, איר כּוח און ברייטקייט. אַ הו-
בעל באַ אַ געניטען בעל-מלאכה אין דער האַנט, וואָס קען רעכט
די מלאכה און זיין שטיקעל געצייג, איז נישט דאָסזעלבע, וואָס
אַ הובעל באַ אַ לערען-יינגעל, אָדער גאָר אַנ׳אומגעניטען מענט-
שען אין דער האַנט, אַז מיר לייענען אַ בוך פון אַ יידישען שריי-
בער, פון אַ מענדעלע מוכר-ספרים, אָדער אַ שלום-עליכם, וואָס
יעדער ייד קאָן אים, פילען מיר עפּעס אַ מאָדנע זאַך: דאַכט-
זיך אונדזער שפּראַך, אָט דאָס, וואָס מיר רעדען תמיד, און
דאָך עפּעס אַנ׳אַנדער שפּראַך. יענער איז אַ שרייבער, אַ
טאַלאַנט, אַ גאָטס גאָב, ווייסט ער דעם סוד פון דער שפּראַך,
און מיר געוויינלעכע מענטשען דאַרפען זיך לערנען דאָס, וואָס
אים קומט פון טאַלאַנט. וואָרום באמת האַלטען מיר שטענדיק אין
איין לערנען די שפּראַך, מיר באַמערקען עס אפילו נישט. עלטע-
רע לערנען קינדער, ווייזען זיי, אַז אַזאַ וואָרט פּאַסט נישט צו
זאָגען, אין אַזאַ געזעלשאַפט דאַרף מען אַזוי רעדען. עלטערע
לערנען זיך אויך איינס פון דעם אַנדערען. זיי כאַפּען אַ וואָרט,
אַנ׳אויסדרוק, אַ ווערטעל, מ׳נאַשט פון אַ בוך,—פאַרוואָס זאָל אַ
שפּראַך זיין ערגער פאַר אַ שוך? און ווען היינטיקע צייטען
פאַרשטייט שוין יעדער, אַז מ׳דאַרף גיין אַ גאַנצען שוך, און אַ
ריינעם שוך, פאַרוואָס זאָלען מיר אומגיין מיט אַנ׳אומריין מויל
און שלעכט רעדען, בעת מ׳קאָן דערלאַנגען שיין רעדען, שיין
שרייבען? און ווי זאָל מען דאָס אויספירען, ווען מ׳לערענט זיך
נישט און מ׳זאָגט, אַז מ׳קען שוין? און ווידער נאָך אַ זאַך: דער
שכל, דער פאַרשטאַנד, האָט אויסגעשלייפט און שלייפט ווייטער
די שפּראַך; וואָס דער מענטש איז קליגער, געבילדעטער, אַלץ
רייכער און שענער איז זיין שפּראַך, און דאָס אייגענע פאַרקערט:
די שפּראַך שלייפט אונדזער שכל, אונדזער געפיל,
דורך דער שפּראַך קומען מיר צו באַנעמען אַ וועלט מיט איר

גראָיסקייט און שײנקייט. אַ קינד, אַז ס'דערגייט אַ נײַ וואָרט טאַ־קע אין זײַן גוט־באַקאַנטער שפּראַך, אַ נײַע ווענדונג, דערגייט עס נישט סתם אַ וואָרט, נאָר אַ נײַעם געדאַנק, עפּעס אַ פײַנעם קנײטש: עס דערזעט עפּעס אַ נײַעס פאַר־זיך, און ס'קומט עס עפּעס צו אויף לעבען־לאַנג. מ'דאַרף לערנען די שפּראַך און מ'דאַרף לערנען די ליטעראַטור פון אַ שפּראַך; דאָס, וואָס מ'האָט געשריבען און געדרוקט ביכער אויף אַ שפּראַך. און אויף ייִדיש איז דאָך אויך עפּעס געשריבען־געוואָרען, נישט צו פאַר־זינדיגען.

קומט מען לסוף אַרויס מיט דעם אמת'ן מײן: אַלע שפּראַ־כען—יאָ, דאַרף מען טאַקע לערנען, דאָרט איז דאָ וואָס צו לער־נען, אָבער ייִדיש איז נישטאָ וואָס! די אַלטע טענה, וואָס מיר האָבען שוין פריער זי געהערט: ייִדיש איז קײן שפּראַך נישט, ס'איז „אַ זשאַרגאָן" אַ „פאַרדאָרבען דײַטש", אַ סימן,—ייִדיש האָט קײן גראַמאַטיק (דקדוק) נישט. וועגען דעם, צי איז ייִדיש „אַ זשאַרגאָן", אַ „פאַרדאָרבען דײַטש", האָבען מיר שוין פריער גע־רעט און ס'לוינט נישט איבערצו'חזר'ען. די טענה איז אַ בלבול אָדער עם־הארצות. דאָס אײגענע אויך די טענה, אַז די ייִדישע שפּראַך האָט קײן גראַמאַטיק נישט. ראשית, זענען שוין אַוועק די צײַטען, ווען אין אַ שפּראַך, דערהויפּט נאָך אין אַ מוטער־שפּראַך, האָט מען געזען דעם עיקר־למוד די גראַמאַטיק. הײַנט איז דאָס בכלל די לעצטע דאגה, ווער שמועסט נאָך אין אַ פאָלקסשול, וואָס מ'לערענט דאָרט אַלץ פּראַקטיש, און טעאָריעס גײען בכלל נישט אָן. שנית, איז די גאַנצע מעשה, אַז ייִדיש האָט קײן גראַ־מאַטיק נישט, אַ ווילדע נאַרישקײט. דאָס איז דאָס אײגענע, ווי מ'זאָל זאָגען, אַז אַ ייִד האָט קײן האַרץ נישט, קײן מאַרך נישט, קײן חוט־השדרה נישט, ווײַל ס'איז נישט פאַראַן קײן אַנאַטאָמיע אויף ייִדיש. קײן בוך וועגען אַנאַטאָמיע, קײן בוך וועגען דעם, ווי איז געבויט דעם מענטשענס גוף, איז נישט פאַראַן אויף ייִ־דיש, אָבער אַ ייִד האָט אַלע אברים גלײַך מיט אַנדערע. וואָרום

ניִשט דעם מענטשענס קערפּער שטעלט-זיִך צונויף לויט דער אַנאַטאָמיע, נאָר פאַרקערט די געשריִבענע אַנאַטאָמיע איז אַ בילד, אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם מענטשענס קערפּער. אַנאַטאָמיע טוט ניִשט אויף קיין שום נייעם, זי קוקט-זיִך-צו צום מענטשענס גוף און באַשרייבט געטריי, וואָס דאָרט טוט זיִך, וואָס דאָרט איז באמת פאַראַן. די געשריִבענע אַנאַטאָמיע בייט זיִך; וואָס מער די וויִסענשאַפט קוקט זיִך צו און שטודירט פלייסיִק דעם גוף, זעט זי אַלץ מער, אַלץ בעסער. דער גוף, אָבער, בלייבט דערזעלביקער אַלע צייטען. דאָס אייגענע אויך אַ שפּראַך און גראַמאַטיִק. ניִשט די שפּראַך לערענט זיִך בײַ דער גראַמאַטיִק, נאָר פאַרקערט, די גראַמאַטיִק לערענט זיִך בײַ דער שפּראַך. די גראַמאַטיִק באַשרייבט נאָר דאָס, וואָס זי זעט צו בײַ דער שפּראַך, ניִשט מער, פּונקט אַזוי ווי די אַנאַטאָמיע באַשרייבט דעם מענטשענס גוף. אַ געשריִבענע גראַמאַטיִק, אַ בוך וועגען גראַמאַטיִק, מעג ניִשט זיין, און דאָך האָט יעדע שפּראַך איר גראַמאַטיִק, אַזוי ווי ס'מעג ניִשט זיין קיין בוך וועגען אַנאַטאָמיע, און דערפון וועט ניִשט צוקומען און ניִשט געמיִנערט ווערען קיין אבר אין אַ מענטשענס גוף, און אַזוי ווי יעדע שפּראַך, די דייטשיִשע, די רוסיִשע און אַנדערע זענען געווען שפּראַכען אפילו דאַמאָלס, ווען קיין געשריִבענע גראַמאַטיִק איז נאָך ניִשט געווען, דאָס אייגענע אויך מיִט יידיִש. יידיִש קאָן זיין אַ שפּראַך און מעג ניִשט האָבען קיין געשריִבענע גראַמאַטיִק, ווייל ס'האָט זיִך נאָך ניִשט געפונען דער בעלן, וואָס זאָל די שפּראַך שטודיִרען און אַנשרייבען די כללים, וואָס שטעקען איִן דער שפּראַך. צי זאָלען מיר זאָגען, אַז איִן דער צייט פון די נביאים, ווען קיין געשריִבענער דקדוק איז נאָך ניִשט געווען, האָט העבּרעיִש קיין גראַמאַטיִק ניִשט געהאַט? צי דערפאַר, וואָס ס'איז קיין געשריִבענע גראַמאַטיִק ניִשטאָ, רעדען אָדער שרייבען יידען אַנ'אַנדער שפּראַך? אַלע רעדען און שרייבען גלייך, וואָרום אַנדערש קאָן ניִשט זיין, וואָרום

דאָס איז שוין די טבע פון אַ שפּראַך, אַזויווי יעדער לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אירע פעסטע סימנים און כללים. וואָס-זשע קאָן עס באמת באַטײַטען, ווען מ'זאָגט, אַז יידיש האָט קײַן גראַמאַטיק נישט? דאָס קאָן האָבען נאָר אײן טײַטש: יידיש פאַרמאָגט נאָך נישט קײַן ביכעל, וואָס אויף דעם זאָל שטײַן אָנגעשריבען: „יידישע גראַמאַטיק“. אַזוי מײַנען טאַקע באמת אַ סך יידען. איז דאָס, אָבער, אויך אַ גרינטלעכער טעות: יידיש האָט שוין מאמרים און ביכלעך וועגען יידישער גראַמאַטיק אַריבער דרײַהונדערט יאָר. מענטשען פון וויסענשאַפט, דערהויפּט, דײַטשישע געלערנטע, שטודירען די גאַנצע צײַט די יידישע שפּראַך און האָבען געשריבען יידישע גראַמאַטיק. גאָר די לעצטע צײַט זענען געשריבען געוואָרען ביכלעך אויף יידיש: „יידישע גראַמאַטיק“. הײַסט עס, יידיש איז שוין כשר לכל הדעות! די יידישע שפּראַך איז געוויינלעך פון דעם נישט בעסער, נישט ערגער געוואָרען, אָבער די לעצטע טענה קײגען יידיש איז שוין אויך אָפּגעפאַלען. אַזוי וואָלט עס באַדאַרפט זײַן, ווען מ'זאָל עס באמת מײנען ערנסט מיט גראַמאַטיק. דאָס אומגליק, אָבער, איז, אַז מ'האָט עפּעס פײַנט, זוכט מען זיך. ווי זינגט זיך אין אַ יידיש לידעל פון דער אומגליקלעכער שנור, וואָס די שוויגער זוכט אויף איר שטענדיק חסרונות:

> „גײ איך פּאַמעלעך,
> זאָגט זי: איך קריך;
> גײ איך גיך,
> זאָגט זי: איך רײַס די שיך“.

אָבער, לאָמיר אַראָפּ פון די הויכע הימלען אויף אונדזער זינדיגער ערד: אויסלערנען אַ פּאָלקסמענטש, ער זאָל קאָנען לײענען אַ ביכעל און אָנשרײַבען אַ בריוועל אויף יידיש, דאַרף מען? הײַסט עס, אַז מ'מוז לערנען יידיש אין דער שול. די העברעיסטען, אָדער זײ לײקענען עס גאָר, מ'קומט אָפּ מיט אַ פּזמון,

וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו קענען? אָדער מ׳וויל עס אָפּקומען בשהי פּהי: כ׳ווייס, לערענט מען דאָרט אַ שעה, אָדער אַ פּאָר שעה אין וואָך „זשאַרגאָן״ מיט מיידלעך. און צווישען יאָ און ניין דערשטיקט מען איינע פֿון די וויכטיקסטע זאַכען פֿאַר דעם פֿאָלקסמענטש, וואָס אָהן דעם קאָן ער זיך נישט באַגיין.

די יידישע שול און די מלוכה.

די גאַנצע צייט האָבען מיר דאָ גערעט וועגען דער שפּראַך אין דער שול און אין בילדונג בכלל: צי זאָל עס זיין יידיש, העברעיש אָדער גאָר רוסיש, פּויליש, אַזוי יוי די זאַך זאָל ליגען נאָר באַ אונדז אין די הענט, און קיינעם, חוץ אונדז, גייט עס כלל נישט אָן. אַזוי טענה׳ן טאַקע איניגע העב־רעיסטען און ווילען מאַכען די יידישלעכע פּשרה: זאָלען זיין אויף קהל׳ס חשבון העברעיסטישע שולען און יידישע שולען. יעדער טאַטע וועט האָבען אַ ברירה, וועהין און אין וואָס־פֿאַר־אַ שול צו שיקען זיין קינד. דער אמת, אָבער, איז, אַז די מעשה איז נישט אַזוי. ס׳קומט צו אַזאַ לאַגע, ווען ס׳גייט יאָ אָן אַנדערע: דער מלוכה און אונדזערע שכנים—אַנדערע פֿעלקער. זיי ווילען וויסען, אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך מיר, יידען, וועלען לערנען אונדזערע קינדער אין דער שול. זיי איז נישט אַלץ איינס. פֿאַרוואָס?

די מעשה איז אַזוי: האשית די מלוכה. אַמאָליקע צייטען, דערהויפּט, פֿאַר דער צאַרישער רעגירונג, האָט די מלוכה בכלל וויייניק געהאַלטען פֿון בילדונג פֿאַר דעם פֿאָלק. אין בעסטען פֿאַל, אַז די מלוכה, דער שטאָטראַט (דומע) האָט געמאַכט שולען, גימנאַזיעס, איז דאָס געווען פֿאַר די, וואָס האָבען אַליין געגאַרט לערנען זייערע קינדער. קיין צוואַנג, אַז יעדער מוז לערנען זיינע קינדער, איז נישט געווען. אַ דעמאָקראַטישע מלוכה קוקט, אָבער, אויף דערדאָזיקער זאַך אַנדערש: יעדער בירגער מוז קאָנען לייענען, שרייבען און רעכענען וכדומה. עס־

הארצות פונ׳ם פאָלק איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר דער מלוכה. אזאַ מלוכה בלייבט תמיד הינטערשטעליק אַקעגען אַנדערע. דעריבער, איז אין היינטיקע מלוכות איינגעפירט, אַז יעדער בירגער מוז אָפּגעבען זיין קינד אין דער פאָלקסשול, אָדער ער מוז באַווייזען, אַז זיין קינד האָט אין דערהיים, אָדער אין אַ פּריוואַטער שול געלערענט, לכל־הפחות, דאָס, וואָס מ׳לערענט אין אַ פאָלקסשול; ווען ניט, ווערען דעם קינדס עלטערען, אָדער אַפּוטרופּסים, באַשטראָפט לויט דעם געזעץ. אָט דאָס הייסט בילדונגס־צוואַנג. אָנהייב־בילדונג איז אַ מוז. אין רוסלאַנד האָט ערב דער מלחמה שוין אויך געהאַלטען דערביי, אַז אָנהייב־בילדונג זאָל ווערען אַ מוז: עלטערען זאָלען שיקען זייערע קינדער אין דער פאָלקסשול, די מניעה איז נאָר געווען, וואָס אין רוסלאַנד איז צו יענער צייט נאָך געווען ווייניק אָנהייב־שולען. האָט מען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וויאַזוי איינצופירען אָנהייב־בילדונג פאַר אַלעמען בהדרגה אין משך פון עטלעכע יאָר. ס׳איז קיין שום ספק ניט, אַז דאָס וועט אין רוסלאַנד מקוים־ווערען גאָר די נאָענטסטע יאָרען, ווי נאָר דאָס לאַנד וועט זיך באַרויגען. דאָסזעלבע וועט אויך זיין אין פּוילען און אין אַנדערע לענדער. הייסט עס, אַז שוין די נאָענטסטע יאָרען וועלען יידישע קינדער מוזען לערנען זיך אין פאָלקסשולען. איצט פרעגט זיך, אין וואָס פאַר אַ פאָלקסשולען זאָלען זיך לערנען יידישע קינדער? פאַר רוסישע קינדער וועלען זיין רוסישע שולען, פאַר פּוילישע קינדער — פּוילישע, פאַר אַרמענישע — אַרמענישע און דעסגלייכען. יעדעס פאָלק וועט האָבען זיינע פאָלקסשולען אויף זיין לשון, און די מלוכה, די שטאָטראַטען, די זעמסטוועס וועלען געבען צושטייער אויף אויסצוהאַלטען די שולען פון אַלע פעלקער לויט דער צאָל קינדער. ווי־זשע, אין וואָס־פאַר־אַ שולען זאָלען לערנען יידישע קינדער? אין רוסישע, אין פּוילישע, אין טאָטערישע? די פּשוט׳סטע זאַך וואָלט געווען, ווען יידען זאָלען, ווי

אַלע שבעים אומות, האָבען זייערע אייגענע פאָלקסשולען. ס'איז אויך קיין שום ספק נישט, אַז ייִדען וועלען אין רוסלאַנד מעגען האָבען זייערע פאָלקסשולען, אויב זיי וועלען נאָר וועלען. אָבער מעגען אַליין איז נאָך ווייניק: מ'דאַרף נאָך באמת קאָנען האָבען דאָס, וואָס מ'מעג.

כדי, אָבער, ייִדען זאָלען קאָנען האָבען אייגענע שולען, דאַרף מען האָבען צוויי זאַכען: ראשית, דאַרפען זייערע שולען האָבען אַלע רעכט, ווי אַלע אַנדערע; דאָס הייסט, אַז ווער ס'ענדיגט אַ ייִדישע פאָלקסשול, האָט ער דיזעלבע רעכט, ווי אַ רוס, ווען ער ענדיגט אַ רוסישע פאָלקסשול, אַ פּאָליאַק—אַ פּוילישע וכדומה. די מלוכה, למשל, האַלט, אַז דערמיט האָט מען יוצא-געווען דעם חוב פון פאָלקסבילדונג. אויב נישט אַזוי, וועלען ייִדישע עלטערען נישט שיקען זייערע קינדער אין קיין ייִדישע פאָלקסשול, אָדער זיי וועלען נאָך מוזען חוץ דעם האַלטען פאַר זייערע קינדער לערער אין דערהיים. איז ווער־זשע קאָן זיך פאַרגינען אַזאַ הוצאה און אַזויפיל מאַטערען אַ קינד? שנית, דאַרף די מלוכה, די שטאָט-דומע (שטאָטראַט), די זעמסטווע, געבען געלט אויסצוהאַלטען ייִדישע פאָלקסשולען, אַזוי ווי זי גיט אויף אויסצוהאַלטען רוסישע, פּוילישע, אוקראַינישע שולען וכדומה. וואָרום שטייערען דער מלוכה, דער שטאָט, דער זעמסטווע צאָלען דאָך ייִדען גלייך מיט אַנדערע אומות. הייסט אויב ייִדען וועלען נישט אַרויסבאַקומען צוריק צושטייער אויף זייערע שולען, פון וואַנען-זשע וועלען זיי נעמען געלט אויסצוהאַלטען זייערע שולען? צאָלען אַ צווייט מאָל ספּעציעל פאַר ייִדישע שולען? ווער־זשע קאָן עס אַזויפיל אויסהאַלטען?

היוצא מזה, אַז כדי ייִדען זאָלען באמת קאָנען האָבען אייגענע פאָלקסשולען, דאַרף מען האָבען, אַז זייערע שולען זאָלען האָבען אַלע רעכט, אַזויווי רוסישע, פּוילישע שולען וכדומה, און די מלוכה, שטאָט אָדער זעמסטווע זאָלען געבען

צושטייער אויף אויסצוהאַלטען יידישע שולען. דאָס איז, אָבער, שוין נישט געוועגדעט אָן אונדז, יידען, אַליין, וויאַזוי מיר וועלען עס באַ זיך פועל'ען: דאָס איז שוין געווענדעט אָן דער מלוכה אויך. און אַז מיר וועלען קומען צו דער מלוכה, צום שטאַטראַט, צו דער זעמסטווע, און מיר וועלען טענה'ן: גיט אונדזערע שולען רעכט און געלט, וועלען זיי זאָגען: זייער פיין! יידען זענען נישט ערגער פאַר אַנדערע, אָבער קיין מיוחסים זייט איר אויך נישט, איר מוזט אונדז זאָגען, אויף וואָס-פאַר-אַ שפּראַך ווערט געלערענט אין אייערע שולען, און וואָס, און וויאַזוי איר לערענט דאָרט. מיר ווילען האָבען אַ קאָנטראָל, אונדזער השגחה, אַזוי ווי מיר האָבען די השגחה אויף אַלע שולען. ווארום מלוכה איז נישט אַלץ איינס, וואָס און וויאַזוי ס'ווערט געלערענט אין פאָלקסשולען, בפרט נאָך אין אַזוינע, וואָס האָבען רעכט פון מלוכה-שולען און באַקומען געלט פון מלוכה. מלוכה וויל האָבען, אַז אין אַלע מינים פאָלקסשולען זאָל מען זיך עפּעס אויסלערנען, ס'זאָלען זיין בירגער מיט פאַרשטאַנד, מיט וויסען, און היינטוועלטיקע מענטשען. און דאַמאָלס מוזען מיר שוין זאָגען, קודם-כל, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך ס'וועט געלערענט-ווערען אין יידישע שולען. יידישע שולען אויף רוסיש, אויף פּויליש, אויף אַנדערע שפּראַכען—דאָס איז נישט קיין יידישע שולען, דערויף וועט מען אונדז זאָגען, דאַרפען יידען קיין אייגענע שולען נישט האָבען: גיט־אָפּ אייערע קינדער אין רוסישע, פּוילישע שולען וכדומה, יידישע שולען אויף העברעיש? דאָס וועט זיך אויך קיינער נישט לאָזען איינרעדען, אַז דאָס זענען יידישע פאָלקסשולען. ווארום פאַרוואָס לאָזט מלוכה בכלל אַרויס פון אירע הענט די חזקה אויף פאָלקסבילדונג? פאַרוואָס גיט זי עס איבער יעדען פאָלק באַזונדער? נישט פון גוטען ווילען טוט זי עס. מלוכה וואָלט געוויס געוואָלט האָבען דעם מאָנאָפּאָל אויף בילדונג. נאָר וואָס דען? זי האָט קיין ברירה נישט, כדי קינדער זאָלען האָ-

בען אַ פּעולה אין דער שול, מוז מען אין דער פאָלקסשול לערנען אויף דער מוטערשפּראַך: אין רוסישע שולען —אויף רוסיש, אין פּילישע אויף פּויליש, אין אוקראַינישע אויף אוקראַיניש און דעסגלייכען. און אויב מוטערשפּראַך—מוז דאָס שוין יעדעס פאָלק טון פאַר-זיך. קיין רוסען קאָנען נישט מאַכען קיין שולען פאַר פּוילישע, אוקראַינישע קינדער וכדומה. און פאַרקערט אויך דאָס אייגענע. דעריבער, מוז מלוכה אַקעגענקומען די גערעכטע טענה פון יעדען פאָלק, וואָס וויל האָבען אין זיינע הענט זיינע אייגענע פאָלקסשולען, ווייל אין די שולען ווערט געלערענט אויף דער מוטערשפּראַך פון די קינדער, דאָס הייסט, אויף דעם פאָלקס-לשון. אָבער צי קאָנען אַזינס טענה'ן יידען, ווען זיי זאָל איינפאַלען צו לערנען אין זייערע פאָלקסשולען אַלע למודים אויף העברעיש? צי איז העברעיש דאָס מאַמע-לשון בײַ יידישע קינדער? צי ווערט בײַ יידען גערעט אויף העברעיש? ממילא וועט מלוכה, שטאָטראַט, זעמסטווע נישט וועלען הערען, נישט זען פון אַזוינע העברעישע „פאָלקס-שולען”. יידען זענען בײַ מלוכה נישט קיין מיוחסים, זי זאָל זיי נאָכגעבען סתם אַ פאַנטאַזיע. העברעישע חדרים-מתוקנים וועט דאָס זיין, נישט קיין פאָלקסשולען, נישט קיין רעכט, נישט קיין געלט, וועט די מלוכה, דער שטאָטראַט דערויף נישט געבען, און ממילא וועלען זיי שוין קיין קיום נישט האָבען, ווייל דאָס וועט נישט אַריינגיין בײַ מלוכה אין גדר פאָלקסשול. און כדי נישט באַשטראָפט-צו-ווערען פאַר נישט לערנען אין אַ רעכטער פאָלקסשול, וועלען יידען מוזען אָפּגעבען זייערע קינדער, חוץ אין העברעיסטישע חדרים-מתוקנים, נאָך אין אַנדערע פאָלקסשולען אויך,—אָדער, חוץ דעם, וועלען זיי מוזען דינגען לערער פאַר זייערע קינדער.

נאָר איין גערעכטע טענה קאָנען יידען האָבען צו דער מלוכה, צום שטאָטראַט. דאָס איז אין דעם פאַל, אויב מ'וועט אין יידישע שולען לערנען אויף דעם מאַ-

מע-לשון פון ייִדישע קינדער, דאָס הייסט, אויף ייִדיש. דאַמאָלס קומט זיי דאָס, וואָס ס'קומט יעדען פאָלק, וואָס לערענט אין שולען אויף זיין מוטערשפּראַך: רעכט און געלט. און ייִדען וועלען עס טאַקע אויספירען אויך.

מיר און אונדזערע שכנים-פעלקער.

אויב, אָבער, ייִדען וועלען נישט וועלען האָבען קיין פאָלקסשולען אויף ייִדיש, און קיין העברעיִשע שולען וועלען נישט קאָנען זיין, ווייל זיי וועלען נישט האָבען נישט דעם זכות, נישט קיין געלט, איז וואָס וועט זיין? וועט זיין אַזוי, אַז ייִדען וועלען קיין אייגענע שולען גאָרנישט האָבען. אַ טייל ייִדען אין דערזעלבער שטאָט וועט לערנען אין רוסישע שולען, אַ טייל אין פּוילישע, אַ טייל אין אוקראַיִנישע,—אין כל המינים שולען אויף שבעים לשונות. אונדזערע קינדער וועלען רעדען אויף אַלע שבעים לשונות און מיר וועלען האָבען אויסצושטיין צרות און בזיונות פון אונדזערע שכנים-פעלקער, אַלע וועלען זיך מיט אונדז וואַרפען, אַזוי ווי מ'וואַרפט-זיך מיט אומגעבעטענע געסט, און אַלע וועלען אונדז רייסען צו זיך, רוסען האָבען דאָך שוין לאַנג חזקה, אַז ייִדען דאַרפען זיין רוסען, פּאָליאַקען—שמועסט מען שוין נישט, און נאָכדעם וועט שוין גיין אַ צעטעל אוקראַיִנער, ליטווינער, ווייסרוסען און נאָך, וואָרום יעדעס פאָלק איז פאַראינטערעסירט, וואָס מער שולען צו האָבען אויף זיין שפּראַך, וואָס שטאַרקער און ברייטער צו מאַכען די ממשלה פון זיין בילדונג, פון זיין קולטור. רוסען וועלען האָבען טענות צו ייִדען-פּאָליאַקען: פאַרוואָס ציט איר אין רוסלאַנד צו פּוילישע שולען, צו פּוילישער קולטור; אוקראַיִנער —פאַרוואָס ציט איר צו רוסען און אַזוי ווייטער אָהן אַ סוף, אָהן אַ ברעג, און דאָס-דאָזיקע כלומר'שטע רייסעניש פאַר דער בשמה פון דעם ייִדישען קינד, וועט שווער און ביטער אויספאַלען דעם קינד: ס'וועט זיין אין גלות אין אַ פרעמדער שול און

ס׳וועט זיך נאָך גאָרנישט אויסלערנען אויך. און דער טאַטע וועט עס אויך פילען אויף טריט און שריט, וואָרום אין אַזוינע שטרייטיקייטען צווישען פעלקער, דערלאַנגט עס אָפט זייער, זייער ווייט, אַפילו ביז פרנסה אויך, און דאָס כפרה-הינדעל איז תמיד דער שוואַכסטער. און דער שוואַכסטער וועט דאָ זיין דער קלוגער ייד, וואָס די העברעיסטען ווילען אים באַגליקען נאָך מיט אַ צווייטער „לעבעדיקער״ שפראַך,—מיט העברעיש, אַחוץ זיין פאָלקס-שפראַך,—יידיש.

און לאָז זיך נישט אויסווייזען, אַז דאָס, וואָס מיר האָבען דאָ אָפּגעמאָלט, איז אַ פאַנטאַזיע, אַנ׳אויסגעקלערטע זאַך. ניין! דאָס איז אַ בילד, גענומען פון לעבען, וואָס מיר האָבען עס ביזאַהער אַלע צוגעקוקט מיט אייגענע אויגען. מיר דאַרפען געדענקען, אַז יידען אין רוסלאַנד וווינען נישט אין טיף ראַסיי צווישען רוסען; דאָרטען זענען יידען זייער ווייניק. יידען וווינען אין אַלטען תחום, אין די געגענט-ערטער, צווישען אַ סך אַנדערע פעלקער: ווייסרוסען, אוקראַינער, פאָליאַקען, לעטען, ליטווינער וכדומה. וויאַזוי האָט זיך געפירט ביזאַהער אונדזער שול-פאָליטיק און זייער שול-פאָליטיק? אַלע פעלקער האָבען געוואָלט האָבען נישט קיין קאַזיאָנע רוסישע שול פאַר זייערע קינדער, נאָר זייער אַנ׳אייגענע שול— אויף דער מוטערשפראַך פון די קינדער, און דערפאַר האָבען זיי געאַרבעט מיט מסירת-נפש. און אַזוי ווי די רוסישע רעגירונג האָט דאָס נישט געוואָלט ליידען, זי האָט געוואָלט, אַז אַלע קינדער פון די פרעמדע פעלקער זאָלען גיין נאָר אין רוסישע שולען, כדי זיי זאָלען ווערען עכטע רוסען, איז אונדזערע שכנים-פעלקער אויסגעקומען אויסצושטיין גרויסע צרות. מ׳פלעגט צונויפזאַמלען עטלעכע קינדער און אויסבאַהאַלטען אַזוינע קליינע גרופעס, לערנען בגנבה פאַר דעם רוסישען אינספעקטאָר, און באַשטראָפט-ווערען, ווען מ׳האָט „געכאַפּט״ באַ אַזאַ גנבה. און וואָס האָבען יידען געטאָן? יידען האָבען לא-די נישט געאַרבעט צו האָבען אייגענע יידישע

שולען, זיי האָבען זיך נאָך געשטופּט אין די רוסישע שולען. זיי האָבען באַשאַפען רוסישע שולען פאַר זייערע קינדער, זיי האָבען באַשאַפען רוסישע שולען פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, ווי למשל, די קאָמערץ־שולען, וואָס זענען אומעטום אויפגעקומען מיט יידישער איניציאַטיוו און מיט יידיש געלט. דאָס הייסט, מיר דאַרפען עס זיך זאָגען אָפען: בעת אַלע פעלקער האָבען זיך געוועהרט קעגען דער אַלטער צאַרישער רעגירונג, וואָס האָט געוואָלט נישט אַנדערש, נאָר רוסיפיצירען זייערע קינדער, מאַכען זיי פאַר רוסען און מאַכען אויך די גאַנצע פרעמדע, נישט־רוסישע געגענט פאַר אַ רוסישע, האָבען יידען פּאַקטיש געהאָלפען דער צאַרישער רעגירונג צו דערשטיקען די אייגענע שול בײַ אַלע פעלקער, צו דערשטיקען זייער שפּראַך, זייער אייגען לעבען.

אין ליטע, אין ווײַס-רוסלאַנד און אומעטום, ווו רוסען זענען זייער ווייניק, מייסטענס, נאָר באַאַמטע, האָבען יידען געהאָלפען אײַנצופירען רוסיש אין דער שול, אויף דער גאַס און אומעטום.

און דאָס האָט פאַרשאַפט בײַ אונדזערע פעלקער־שכנים אַ שרעקלעכע שנאה צו יידען, און נישט נאָר בײַ פינצטערע מענטשען, נאָר גראָד בײַ די בעסערע, בײַ דער אינטעליגענץ פון די אַלע פעלקער, ווײַל זי, די אינטעליגענץ פון יעדען פאָלק, האָט תמיד מיט מסירת-נפש געאַרבעט און געשטריטען פאַר אַן׳אייגענער פאָלקסשול און זי האָט געזען און פאַרשטאַנען, צו וואָס ס׳ברענגט יידישע יאָגעניש נאָך רוסישע שולען. ווער האָט געהאָלפען צו מאַכען ווילנע, מינסק וכדומה פאַר אַ רוסישער שטאָט, מיט רוסישע שולען, מיט רוסיש אין יעדען ווינקעלע, ווען נישט יידען? אמת, יידען האָבען עס נישט געטאָן מיט אַ כּיון, מ׳האָט פּשוט נישט פאַרשטאַנען די זאַך. מ׳האָט געלעבט מי״ן טאָג. מ׳האָט נישט געזען, וואָס עס טוט זיך בײַ אַנדערע פעלקער, מ׳האָט געמיינט אַז אַזוי דאַרף זײַן, אַז די אַלטע גזלנישע אָרדענונג איז אייביג, און אַנדערש קאָן נישט

זיין. מ׳האָט זיך קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבען. גבירים און בעלי-בתּים האָבען בכלל נישט געקלערט נישט פון קיין שול, נישט פון קיין בילדונג, נישט פון יידישער דערציהונג. מ׳האָט גע-גאַרט נאָר נאָך אַטעסטאַטען, נאָך פּריווילעגיעס. און פּריווילעגיעס האָט געגעבען נאָר די קאַזיאָנע רוסישע שול. אַ סך האָט דאָ מיטגעבראַכט די שרעקלעכע יידישע לאַגע, וואָס יידען האָבען נישט געטאָרט וווינען אויסער יידישע שטעט; יידען האָבען זיך נישט געטאָרט נעמען פאַר קיין זאַך. דער אַטעסטאַט פון אַ רוסישער שול האָט עפּעס געגעבען אַ שטיקעל אָנהאַלט. פון די פּריווילעגיעס האָבען גענאָסען נאָר גבירים און בעלי-בתּים, וואָס האָבען געקאָנט אַדורכרייסען זיך דורך דער פּראָצענט-נאָר-מע, קויפען פאַר געלט וואַקאַנסיעס פאַר זייערע קינדער און אויס-האַלטען בכלל זייערע קינדער יאָרען-לאַנג אין רוסישע שולען. פאַר דעם פאָלק, פאַר דעם פּשוט׳ען יידענס אַ קינד, האָט מען נישט געזאָרגט בכלל: גענוג פון זייערטוועגען אַלטמאָדישע חדרים און תּלמוד-תּורות. אָבער דער צאָרן פון אונדזערע שכנים-פעל-קער איז געפאַלען אויפ׳ן גאַנצען יידישען פאָלק. אַ ייד סתם איז געווען אין זייערע אויגען אַ רוסיפיקאַטאָר, דאָס הייסט, אַ מענטש, וואָס האַלט איך איין פאַררוסישען שטעט, גאַנצע געגענטען, ווו קיין רוסען זענען נישטאָ. דאָס זענען די אַלע געגענטען, ווו יידען וווינען אין אַלטע ישובים. און די וויל-טיקסטע זאַך צו פאַררוסישען שטעט און געגענטען איז דאָ געווען די רוסישע שול. יידען זענען אין די־דאָזיקע געגענטען דער קולטורעלער קלאַס, און זיי האָבען געהאָלפען איינצופירען די פרעמדע שול, דאָס הייסט, די רוסישע שול.

פיל שנאה און קנאה האָט דאָס אונדז פאַרשאַפט בא אונ-דזערע שכנים-פעלקער. זאָלען מיר דען איצט, בעת דער אַלטער רוסיפיקאַטאָרישער רעזשים איז געפאַלען, און פעלקער שטייען אויף תּחית-המתים, זאָלען מיר דען איצט פירען די אַלטע פאָ-ליטיק? און צי וועט מען אונדז שווייגען! בפרט, אַז דער „גאַראַ-

דאָוואָי״ איז שוין אויך נישטאָ.

היוצא מזה, אַז הן פאַר-זיך, אַז אונדזער פאָלק זאָל האָבען בילדונג און וויסען; יידישע קינדער זאָלען אויסוואַקסען יידען און מענטשען; הן פאַר דער וועלט,—מיר זאָלען לעבען בשלום מיט אונדזערע שכנים-פעלקער, אַ וועלט זאָל נישט האָבען צו טון מיט אונדז, אַז מיר שטייען אַלעמען אין וועג, —מוזען יידען האָבען אייגענע יידישע שולען אויף אונדזער מאַמע-לשון—יידיש.

IV.

אַ קאַפּיטעל אויטאָנאָמיע.

מיר האָבען בּיזאַהער גערעט וועגען דער „שפּראַך-פראַגע״, וועגען יידיש און העברעיש, נאָר בּנוגע צו דער שול און צו בּילדונג, וויאַזוי, אויף וואָס-פאַר-אַ שפּראַך זאָל מען לערנען און מדריך-זיין יידישע קינדער. אָבער די שפּראַך פון אַ פאָלק,—בּאַ יידען די יידישע שפּראַך, האָט אַ סך צו זאָגען נאָך בּאַ איין זייער וויכטיקע געלעגענהייט. נעמליך, ווען דאָס פאָלק בּאַווייזט זיך אַלס אַ קבּוץ, אַלס אַ גאַנצע עדה, הן קייגען אויסען, קייגען דעם לאַנד און דער מלוכה, ווו דאָס פאָלק געפינט זיך,— הן קייגען אינעווייניק, קייגען זיינע אייגענע יחידים. דאָס איז שוין אַ היכער פּאָליטישער ענין, און דאָס מוז מען אַרומרעדען בּרייטער, דאָס איז אַ קאַפּיטעל אויטאָנאָמיע.

יידען זענען געווען „אין דער פרעמד״, קיין אייגענע מלוכה האָבען זיי שוין לאַנג נישט און דאָך האָבען זיי געלעבט, ווי אַ פאָלק. יידען האָבען געהאַט „קהל״, קהל האָט געפירט אַ געוויסע קהל׳שעווירטשאַפט; יידען האָבען געהאַט אַ בּקור-חולים, אַ תלמוד-תורה, הכנסת-אורחים, עולמות וכדומה. פאַר די הוצאות אויף קהל׳שע הצטרכות איז געווען אַ בּאַזונדער יידישער אָפּ-צאָל: די טאַקסע (קאָראָבקע). חקצור, קהל איז געווען כמו אַ

קליין יידיש מלוכה׳לע, אָדער, ווי מ׳זאָגט היינט, אַ יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס האָט באַדאַרפט זאָרגען פאַר יידישע קהל׳שע הצטרכות׳ען און אויך זיין דער פאָרשטייער, דער טוען פון יידען פאַר דער מלוכה, פאַר דער שטאָט-דומע וכדומה. קהל האָט געקאָנט אויספירען אַזוינע זאַכען, געוויינלעך, נאָר דער-פאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ געוויסען כּוח, געוויסע רעכט און התחייבות׳ען הן בנוגע צו איינצעלנע יידען, הן בנוגע צו דער מלוכה. למשל, בּאַ מאַכען „ראַסקלאַדקעס״ און איינמאָנען פאַר-שידענע אָפּצאָלען (למשל, דעם ליכט-אָפּצאָל—„סוויעטשנאָי סבאָר״ — און קאָראָבקע). דעמדאָזיקען כּוח האָט קהל געהאַט פון דער מלוכה. אַפילו די צאַרישע רעגירונג, בּימי ניקאָלאַי, וואָס זעלבסטפאַרוואַלטונג בכלל און בפרט נאָך יידישער קהל איז איר געווען על אפה ועל חמתה, זי האָט אודאי געוואָלט אויסראָטען יעדען שפור פון יידישען קהל, האָט זי עס דאָך נישט געקאָנט אויספירען, וואָרום אפילו ניקאָלאַיס רעגירונג האָט דאָך געמוסט איינזען, אַז יעדער קבוץ, און ממילא דער יידישער קבוץ אויך, האָט אַזוינע אייגענע הצטרכות׳ען, וואָס נאָר ער אַליין קאָן עס באַפרידיגען דורך אייגענע שלוחים. קיינע „קאַזיאָנע טשינאָווניקעס״ קאָנען דאָ נישט העלפען. דאָס איז געווען, ווי שוין געזאָגט, אַפילו אין יענע בּיטערע צייטען, ווען מ׳האָט בּכלל נישט גע-האַלטען פון קיין שום „פרייהייטען״, און פאַר פעלקער בפרט.

וואָס איז אַזוינס אויטאָנאָמיע?

היינטיקע צייטען איז שוין אַ כּלל-גדול, אַז אַזויווי יעדער יחיד אין דער מלוכה דאַרף האָבען פּאָליטישע פרייהייט, אַזוי דאַרף אויך האָבען געוויסע פּאָליטישע פרייהייט יעדעס פאָלק אין דער מלוכה. מיט פּאָליטישער פרייהייט סתם פאַר יחידים איז מען איצט שוין נישט יוצא. וואָרום יעדער מענטש איז נישט נאָר אַ תּושב פון דער גאַנצער מדינה, נאָר קודם-כּל איז ער אַ גליד פון זיין פאָלק. יידען זענען רוסלענדער בּירגער אין דער מדינה

רוסלאַנד, גלײַך אַזוי, ווי רוסען, פּאָליאַקען, אוקראַינער און אַנ-
דערע. יידען זענען פּוילישע בירגער אין דער מדינה פּוילען,
אַזוי ווי פּאָליאַקען, דײַטשען; נאָר יידען זענען אַ חוץ דעם נאָך
יידען, דאָס הײסט, זײ זענען אַ פאָלק מיט אַנ'אײגענער
געשיכטע, מיט אײגענער אמונה און מנהגים, מיט אַנ'אײגענער
שפּראַך, מיט אײגענע לײדען און פרײדען, נויטען און פאַר-
לאַנגען. דאָס אײגענע אויך יעדעס אַנדערע פאָלק אין דער מדינה,
וואָס איז באַזעצט ניט פון אײן פאָלק, נאָר פון עטלעכע פעל-
קער (למשל רוסלאַנד, פּוילען וכדומה). יעדעס פאָלק אין
אַזאַ מדינה שטרעבט מיט אַלע מעגלעכקײטען צו
דערהאַלטען זײן קיום אַלס אַ פאָלק און צו וואַק-
סען אַלס אַ פאָלק, ניט סתם אַלס יחידים. כדי דאָס
צו דערלאַנגען, איז שוין ווײניק סתם אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג,
ווו אַלע בירגער פון אַלע פעלקער האָבען גלײַכע רעכט — מ'דאַרף
שוין האָבען, אַז יעדעס פאָלק באַזונדער, אַלס אַ גאַנצער קבוץ, זאָל
האָבען געוויסע פּאָליטישע רעכט, כדי אָפּצוהיטען זײן קיום.

לאָמיר נעמען, למשל, בילדונג: בײַ יעדען פאָלק איז ביל-
דונג און מדריך-זײן קינדער די וויכטיקסטע זאַך פון זײן קיום.
אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז לערנען
אין פאָלקסשולען מוזען זיך אַלע קינדער אָהן אויסנאַם, און די
מלוכה און די שטאָט וועט טאַקע עפענען גענוג אומזיסטע שו-
לען פאַר אַלע קינדער גלײַך, אָהן אויסנאַם. אַלס בירגער
וועט דאָ שוין מער קײנער ניט לײדען, אפילו יידען אויך
ניט, אָבער דאָך קאָן זיך טרעפען, אַז מ'זאָל דאָ לײדען אַלס
אַ פאָלק. וואָרום סתם שולען פאַר סתם קינדער זענען ניט
פאַראַן, אָדער זײ טויגען ניט: רוסישע קינדער דאַרפען האָבען
רוסישע שולען, פּוילישע קינדער—פּוילישע, יידישע קינדער—יי-
דישע וכדומה. ווער-זשע וועט זאָרגען, למשל, אין מאָסקווע, אַז
פאַר די עטלעכע הונדערט פּוילישע קינדער דאָרט, זאָל מען
מאַכען פּוילישע שולען? אָדער אין וואַרשע, אַז פאַר די רוסי-

שע, דײַטשישע קינדער זאָל מען מאַכען רוסישע, דײַטשישע שו-
לען? אָדער אין מאָסקווע און אין ווארשע, אין קיעוו און אין
מינסק און אין אַנדערע שטעט זאָל מען פאַר יידישע קינדער
מאַכען יידישע שולען? אין מאָסקווע איז דער רוב איינוואוינער
רוסען, און ממילא דער רוב ראַטמענער אין שטאָטראַט אַ רוסי-
שער, זיי זענען געוואונט צו מאַכען רוסישע שולען. זאָל מען
זיך אפשר פאַרלאָזען אויף יושר, אַז זיי וועלען פאַרשטיין,
אַז פאַר פוילישע קינדער דאַרף מען מאַכען פוילישע שולען, פאַר
יידישע קינדער — יידישע וכדומה, און זיי וועלען טאַקע טון אַזוי?
אָדער דאָס אייגענע אין ווארשע, אַז דאָרט וועט דער פוילישער
שטאָטראַט מאַכען רוסישע שולען פאַר רוסישע קינדער, יידישע
שולען פאַר יידישע? איז איינמאָל — אין אַזוינע זאַכען, וואָס זע-
נען נוגע אַ פאָלק אין לעבען-אַריין, קאָן מען זיך אויף
יושר נישט פאַרלאָזען: וואָס טוט מען, אַז אַזאַ יושר
געפינט זיך נישט באַ לייטען? זעען מיר דען נישט, למשל, איצט
אין פוילען, אַז די פאָליאַקען לייקענען שטיין און ביין: יידען זענען
גאָר קיין פאָלק נישט, און זיי, די פאָליאַקען, קלערען גאָרנישט
— מאַכען קיין יידישע שולען פאַר יידישע קינדער. פאַרקערט!
יידישע שולען רודפ'ט מען עד-חרמה. דער שטאָטראַט גיט דע-
רויף קיין אײן גראָשען געלט נישט, כאָטש שטייערען צאָלען
יידען גלייך מיט אַלע. יידישע שולען האָבען קיין רעכט נישט,
יידישע לערער האָבען אויך קיין שום רעכט נישט (למשל, רעכט
אויף פענסיע אויף דער עלטער), און בכלל ווי ווייט מ'קאָן נאָר
שטערען, אַז קיין יידישע שולען זאָלען בכלל נישט זיין, אַז
יידישע שולען זאָלען קיין יידישע לערער נישט האָבען וכדומה,
טוט מען עס מיט אַ חשק, מיט אַ ברען, אַזוי ווי אַ גרויסע מצוה-
זאַך.

בכן, איז פון יושר אָפּגערעדט! נאָר לאָמיר שוין זאָגען, אַז
די גאַנצע וועלט איז דאָך נישט פוילען; אַז ערגעץ-אַנדערש איז
דעמאָקראַטיע, אמת און יושר, נישט גלאַט אַ שיין וואָרט, ווען

מ'דאַרף עס האָבען פאַר-זיך, פאַר אייגענעם ווייל, נאָר ס'איז טאַקע אַ מוז פאַר אַלעמען גלייך. ס'איז קרוב לאמת צו גלייבען, אַז אין אַ דעמאָקראַטישער מאָסקווע, למשל, וועט די שטאָט-דומע וועלען מאַכען פּוילישע שולען פאַר פּוילישע קינדער, יידישע שולען פאַר יידישע קינדער וכדומה. וועלען — הייסט נאָך, אָבער, נישט קאָנען! קיין רוסישע געבילדעטע, קיין רוסישע טוער, קיין רוסישע לערער קאָנען נישט מאַכען קיין פּוילישע, קיין יידישע שולען, וואָרום זיי ווייסען נישט, מיט וואָס מ'עסט עס! דאָס קאָנען טון פּאָליאַקען פאַר-זיך, יידען פאַר-זיך וכדומה. ס'זענען, ווידער, פאַראַן זאַכען, וואָס איין שטאָט קאָן עס נישט איפּטון, אַפילו זי זאָל וועלען און מעגן-זיין דאָס צו טון. למשל, די מאָסקווער דומע קאָן נישט אויסהאַלטען קיין לערער-אינסטיטוט צוליב עטלעכע הונדערט יידישע, אָדער פּוילישע קינדער. דאָס איז שוין נוגע אַ גאַנצער געגענט, אָדער גאָר דער מלוכה. כדי, אָבער, פּאָליאַקען, יידען און אַנדערע פעלקער אין רוסלאַנד, און אין אַנדערע מדינות, זאָלען דאָס באמת קאָנען אויספירען, זיי זאָלען באמת קאָנען האָבען אייגענע שולען פאַר זייערע קינדער, דאַרף מען האָבען צוויי זאַכען: ראשית, דאַרפען פּאָליאַקען, יידען און אַנדערע, האָבען דאָס רעכט צו מעגען מאַכען אייגענע שולען פאַר זייערע קינדער, און נישט סתם פּאָליאַקען, נישט סתם-יידען, נאָר דער פּוילישער קבוץ, דאָס יידישע פאָלק! וואָרום איינצעלנע מענטשען, סתם יעדע עטלעכע צענדליק פּוילישע, יידישע פאַמיליעס, קאָנען נישט עפענען אַ שולע פאַר זייערע קינדער. און אויב זיי וועלען מאַכען אַזאַ שולע, קאָנען זיי נישט זיין זיכער, אַז זיי וועלען האָבען לערער פאַר זייערע שולען, וואָרום לערער דאַרף מען דאָך אויך אויסלערנען. פאַר לערער דאַרף מען האָבען לערער-אינסטיטוטען, און דאָס קאָן שוין יעדע עטלעכע צענדליק פאַמיליעס געוויס נישט דערלאַנגען. דאָס אייגענע אויך מיט אַ לערן-פּלאַן פאַר די שולען מיט לערן-

ביכער וכדומה. אַזוינע זאַכען קאָן אויספירען נאָר דער גאַנצער קבוץ, אַ גאַנץ פאָלק: דאָס פוילישע, דאָס יידישע פאָלק וכדומה. היוצא-מזה, אַז נישט סתם יחידים, נאָר דאָס פאָלק, דאָס פוילישע פאָלק, דאָס יידישע פאָלק און אַנדערע פעלקער דאַרפען האָבען רעכט צו מאַכען אייגענע שולען פאַר זייערע קינדער, צו מאַכען אייגענע לערער-אינסטיטוטען, כדי ס'זאָלען זיין לערער פאַר זייערע שולען, צו האָבען אייגענע דירעקטאָרען און אינספעקטאָרען, וואָס זאָלען אויס-אַרבעטען פלענער: וואָס און וויאַזוי צו לערנען אין זייערע שולען; זיי זאָלען השגחה-האָבען אויף אַזוינע שולען; ס'זאָל באַשאַפען-ווערען לערן-ביכער און אַנדערע מכשירים פאַר אַזוי-נע שולען. דאָס-דאָזיקע רעכט אויף אייגענער בילדונג דאַרף זיין אָנגעוויזען פאַר יעדען פאָלק אין אַ באַזונדער געזעץ. וואָ-רום אויב ס'איז נישטאָ קיין געזעץ, קאָן אַ רוסישער טשינאָווניק נישט לאָזען פאָליאַקען מאַכען קיין פוילישע שולען, קאָן אַ פוי-לישער באַאַמטער נישט לאָזען מאַכען רוסען, יידען זייערע שו-לען, אָדער ווידער פאַרלאָזען זיך אויף יושר? ס'מוז זיין אַ גע-זעץ, און אין דעם געזעץ דאַרף בפירוש אויסגעטייטשט-ווערען, אַז, למשל, פאַר פוילישע שולען אין מאָסקווע און אין פעטראָ-גראַד און אין גאַנץ רוסלאַנד האָט צו זאָרגען נישט די מאָסק-ווער, פעטראָגראַדער שטאָט-דומע וכדומה, נאָר דאָס פוילישע פאָלק אין רוסלאַנד; פאַר יידישע שולען אין וואַרשע, לאָדז און אומעטום אין פוילען, האָט צו זאָרגען נישט דער וואַרשע-ווער שטאָטראַט, נישט דער לאָדזער וכדומה, נאָר דער גאַנצער יידישער קבוץ אין פוילען.

רעכט צו האָבען אייגענע בילדונג, דאָס איז איינס. רעכט אַליין איז אָבער ווייניק! מ'דאַרף נאָך קאָנען אויסנוצען דאָס רעכט; מ'דאַרף נאָך זיין ביכולת אויסצוהאַלטען אייגענע שולען, לערער-אינסטיטוטען, אינספעקציע וכדומה. אויב מאָסקווער שטאָט-דומע, למשל, וועט זאָגען פאָליאַקען: איר מעגט

אײך מאַכען פּױלישע שולען; װאַרשעװער שטאָטראַט װעט זאָגען ײדען: איר מעגט אײך מאַכען ײדישע שולען (לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז איר װעט עס שױן פּועל'ען הײנטיקע צײטען אין װאַרשע!), איז דאָס אַ טרוקענע טובה, אױב מאָסקװער שטאָט־דומע װעט נישט געבען פּאָליאַקען קײן געלט אױסצוהאַלטען זײערע שולען. דאָס אײגענע אױך, אױב װאַרשעװער שטאָטראַט זאָל נישט געבען קײן געלט. װאָרום פון װאַנען װעלען דען פּאָליאַקען, ײדען נעמען געלט אױף זײערע אײגענע שולען? זײ צאָלען דאָך שטאָט־שטײערען דער דומע, דעם שטאָטראַט גלײך מיט אַלעמען. אױב, למשל, מאָסקװער און װאַרשעװער שטאָט־ראַטען אַסיגנירען אױף בילדונג, לאָמיר זאָגען, צו מיליאָן רובל אַ יאָר, איז דאָך דאָרט פאַראַן פּױליש און ײדיש געלט אױך. זאָלען דען פּאָליאַקען, ײדען וכדומה, צאָלען אַ צװײט מאָל שטײער ספּעציעל פאַר זײערע אײגענע שולען? איז אײנמאָל, װו איז יושר? און שנית, קאָן מען דאָס נישט אױסהאַלטען. צװײ מאָל צאָלען אױף אײן זאַך, קאָן קײן פּאָלק נישט. דעריבער איז, שנית, נױטיק, אַז אין דעמזעלבען געזעץ, װאָס גיט פּאָליאַקען, ײדען און אַנדערע אומות רעכט אַלײן צו זאָרגען װעגען זײער בילדונג, אין דעמזעלבען געזעץ זאָל אױך שטײן בפירוש אױסגעטײטשט:—מאָסקװער שטאָט־דומע איז פון איר געלט מחויב צו געבען פּאָליאַקען, ײדען צושטײער אױף זײערע שולען; װאַרשעװער שטאָטראַט איז מחויב צו געבען ײדען, וכדומה. אױב מאָסקװע גיט אױס, למשל, באַ הײנטיקע צײטען, לאָמיר זאָגען, 10 רובל אַ חודש אױף צו לערנען יעדעס קינד,—פּױלישע קינדער אין מאָסקװע זענען פאַראַן 200, ײדישע 500 און דעסגלײכען,—איז מאָסקװער שטאָט־דומע מחויב אױסצאָלען אַלע חודש פּאָליאַקען 2000 רובל, ײדען 5000 רובל אױף אױסצוהאַלטען אײגענע שולען. דאָס אײגענע אין װאַרשע און אומעטום.

אױף אַזױנע בילדונגס־זאַכען, װאָס גיט די שטאָט זאָרגט

דערפאַר, נאָר אַ גאַנצע געגענט אָדער מלוכה (למשל, גימנאַזיעס, העכערע שולען, לערער-אינסטיטוטען וכדומה), איז די געגענט אָדער די מלוכה, מחויב צו געבען, פאָליאַקען, יידען און אַנדערע פעלקער, צושטייער אויף זייערע הוצאות לויט אַ געוויסען חשבון. דאָס אייגענע איז אויך מיט פּראָפעסיאָנעלע שולען (צו לערנען אַ מלאכה) מיט ביבליאָטעקען, פאָלקס-הייזער וכדומה. נאָר אין אַזאַ פאַל, וועןביידע זאַכען, הן דאָס רעכט פון אַ פאָלק, אַז ס'מעג אַליין זאָרגען פאַר זיין בילדונג, הן דער חוב מצד דער שטאָט-דומע און מלוכה, אַז זיי זענען מחויב צו שטיצען, צו געבען צושטייער,— נאָר ווען ביידע זאַכען וועלען זיין בפרוש אויסגעטייטשט אין געזעץ, קאָן מען זיכער-זיין, אַז יעדעס פאָלק וועט באמת קאָנען האָבען אַזאַ בילדונג, ווי דאָס וויל, ווי דאָס פאַרדינט. דאָס פאַרשטייט-זיך אויך, אַז אין געזעץ ווערט אויסגעטייטשט, אַז שולען פון אַלע פעלקער און די לערער אין די אַלע שולען האָבען גלייכע רעכט. ס'זאָלען נישט זיין, ווי ביז-איצט, קיין מיוחסים —„קאַזיאָנע" שולען, וואָס האָבען אַלע רעכט און סתם שולען,— „פּריוואַטע", וואָס האָבען קיין רעכט נישט. וואָרום אויב אַ פּוילישע שול אין מאָסקווע, אָדער אַ יידישע שול אין מאָסקווע און אין וואַרשע און אין אַנדערע ערטער, וועט נישט האָבען אַלע רעכט פון קאַזיאָנע שולען, און די לערער אויך, וועט דאָס זיין אַ קרבן פון די עלטערען צו שיקען זייערע קינדער אין אַזוינע שולען.

הצטרכות, אָבער, פון אַ פאָלק אין דער קיום פון אַ פאָלק שטעקט נישט אין בילדונג אַליין, נאָר אין אַ סך אַנדערע זאַכען אויך. נעמען מיר, למשל, פאָלקסמעדיצין. אין פלוג קאָן, דוכט זיך, אויסווייזען: וואָס איז דען פאַר אַ חילוק רוסען, פאָליאַקען, יידען און אַנדערע? וואָס-פאַר-אַ חילוק איז, ווער איז דער חולה און ווער איז דער דאָקטער, וועמעס שפּיטאָל ס'איז? שטאָט איז מחויב צו זען, אַז ס'זאָל זיין גענוג שטאָטישע דאָקטוירים, אַמבולאַטאָריעס, שפּיטאָלען, וואָס זאָלען דינען אומזיסט

אַלע אײַנוווינער און זאָלען זײַ גוט באַהאַנדלען. אין אַ דעמאָ-
קראַטיש לאַנד איז טאַקע אַזוי.

אָבער דאָס קאָן אויסווײַזען אַזוי, נאָר אויפ׳ן ערשטען קוק,
פון אויבען אויף. באַטראַכט מען די זאַך נענטער, אַזוי זעט מען
באַלט אַרויס, אַז גלײַכער איז, ווען יעדעס פאָלק טוט עס
פאַר-זיך באַזונדער. אַ רוסישער חולה וועט זיך בעסער צונויפרע-
דען מיט אַ רוסישען דאָקטער, אַ פוילישער—מיט אַ פוילישען, אַ
יידישער—מיט אַ יידישען. דער חולה איז דאָך נישט מחויב צו
ברעכען דעם צונג אויף אַ פרעמדער שפּראַך! נאָר אויסער
שפּראַך. צו אַנ׳אײַגענעם האָט מען מער צוטרוי, מ׳פילט זיך
בעסער מיט אים. אין אַנ׳אײַגענעם שפּיטאָל פילט מען זיך הײַ-
מישער. און אַזוינע געפיל-זאַכען האָבען אַ סך צו זאָגען פאַר
קראַנקע מענטשען, וואָס דאַרפען קודם-כל האָבען רו, נישט אויפ-
רעגען זיך. שוין נישט צו רעדען דערפון, וואָס אַ קריסט קאָן
אויסקומען גײַן צום שטאָט-דאָקטער שבת, און אַ יידען זונטיק;
וואָס אַ ייד וויל האָבען אין שפּיטאָל כשר-עסען. נישט אומזיסט
האָבען יידען געלאָזט זיך תמיד אויסברענגען אויף אײַגענע בקור-
חולים׳ס און זעלטען אָנגעקומען צו שטאָטישע, אָדער זעמסקע
שפּיטאָלען. פאָלקס-געזונט הײַסט, אָבער, נישט נאָר היילען קראַנ-
קע אַלײַן. הײַנטיקע צײַטען איז די מעדיצין אַ סך מער פאַרנו-
מען מיט פאַרהיטען, אַז מענטשען זאָלען נישט קראַנק-ווערען,
אָדער, וואָס ווײַניקער קראַנק-ווערען („סאַניטאַריע״ הײַסט עס).
מ׳זעט השגחה-האָבען, אַז מענטשען זאָלען פרײַער און גראַמער
וווינען, אַז אין די הײַזער, אין די הויפען, אין די געשעפטען
און אין די גאַסען זאָל זײַן ריין; אַז מענטשען זאָלען בכלל גיין
ריין אַרום זיך; אַז ס׳זאָל זײַן גוט וואַסער, ביליקע און גוטע
בעדער, אַז ווען אײַנער ווערט קראַנק, דערהויפּט, אויף אַנ׳אַנ-
שטעקענדיקער שלאַפקײַט, זאָל מען אים אָפּזונדערען, זאָל מען
דיזענפעקצירען (ריײניגען) די וווינונג,—אַנדערע זאָלען זיך נישט
אָנעמען וכדומה אַזוינע מיטלען. הײַנטיקע צײַטען, למשל, זעט

מען צו געבען יעדען אַ ביכעל אין האַנט, ער זאָל וויסען, ווי
זיך צו פאַרהיטען פון שלאָף-ווערען און פאַרהיטען זיין הויזגע-
זונט, דערהויפּט, אַז ס'טרעפט זיך אַן'אומגאַנג, ווי למשל, פּאָ-
קען, טיפוס, כאָלערע,—מוטערס זאָלען וויסען, ווי אומצוגיין מיט
זויגקינדער וכדומה. דאָס אַלץ, אומגיין מיט קראַנקע און פאַרהי-
טען דאָס געזונט, מ'זאָל נישט קראַנק-ווערען, קאָנען אַמבעסטען
טון אייגענע, וואָרום יעדעס פאָלק לעבט אַנדערש, האָט זיך
זיינע אַרט פּרנסות, זיינע הולאת'ען אייגענע רגילות'ען אין ריינקייט,
אין שפּייז וכדומה. קריסטען, למשל, וואוינען בדרך-כלל גרעאַמער,
פרייער, דערהויפּט, אין דאָרף, זיי זענען מער אויף דער לופט,
דערפאַר זענען זיי וויניקער געהיט, לאָמיר זאָגען, אין עסען און
אין טרינקען און דערהויפּט זענען זיי וויניקער געוויינט ווענדען-
זיך צו אַ דאָקטער. פאַרקערט, יידען האַלטען שטאַרק פון קורי-
רען זיך. זיי פאַרזעצען דערויף דאָס לעצטע קישעלע, דערפאַר
וואוינען זיי שרעקליך ענג, מייסטענס, שמוציק אויך. זיי זענען
וויניק אויף דער פרייער לופט, און בכלל האַלטען זיי וויניק
פון היטען דאָס געזונט, איידער מ'ווערט קראַנק. איז טאַקע גלייַ-
כער, אַז יעדעס פאָלק זאָל אויף זיך אַליין השגחה-האָבען. מיר
האָבען טאַקע געזען, למשל, אַז בא יידען האָט אַ סך אויפגעטאָן
די לעצטע פיר יאָר די „חברה צו פאַרהיטען יידיש געזונט“
הן פאַר די פאַרוואָגעלטע היימלאָזע, הן פאַר אַזוי יידען. אָבער
דאָס איז צו אַ גרויסע זאַך, אַז אַ פּריוואַטע חברה זאָל עס קאָ-
נען אויפהייבען. דאָס איז אַ זאַך פאַר דעם גאַנצען פאָלק.
דערפון איז שוין אַרויסצוזען, אַז יעדעס פאָלק דאַרף האָבען
אַליין צו זאָגען אויף זיין פאָלקס-מעדיצין. דאָס דאַרף בפירוש
אָנגעוויזען ווערען אין געזעץ. און ווי מיר האָבען שוין גע-
זען, איז נישט גענוג, אַז מ'מעג,—מ'דאַרף אויך קאָנען אויס-
האַלטען. דאָס הייסט, אַז די שטאָט-דומע, די מלוכה דאַרף פון
איר געלט געבען יעדען פאָלק צושטייער אויף זיין מעדיצין.
און דאָס דאַרף אויך בפירוש שטיין געשריבען אין געזעץ.

דאָס נעמ׳לעכע אויך אַנדערע אינסטיטוציעס און מיטלען, וואָס יעדעס פאָלק טוט אויף, כדי אויסצוהעלפען זיינע נויטבאַדערפטיקע און געפאַלענע—גרינגער צו מאַכען צו לעבען דעם געמיינעם מאַן: הכנסת-אורחים, בּיליקע גאָרקיכען, מושב-זקנים׳ס אָדער העלפען עמיגראַנטען.

וויפעל טויזענטער יידען ווערען יעדעס יאָר פאַרשוואַרצט איבער דעם, וואָס זיי פאַלען אַריין צו די אַגענטען אין די הענט, זיי ווערען באַשווינדעלט און באַריסען. דאַרף טאַקע זיין אַ ביוראָ, וואָס זאָל דעם עמיגראַנט צו-הילף-קומען מיט אַ ביליקער שיפּס-קאַרט, מיט אויסריכטען אים אין וועג-אַריין, פאַרהיטען אים, אַז ער זאָל נישט באַ׳עול׳ט ווערען פון די שיפגעזעלשאַפטען וכדומה. דערהויפּט, אָבער, דער עמיגראַנט זאָל זיך קאָנען אָנפרעגען, זיך אַנ׳עצה-האַלטען וווהין צו פאָרען, פאַרוואָס זיך צו נעמען. דאָס אַלץ קאָן אַמבעסטען יעדעס פאָלק אויפטון פאַר-זיך. רוסען, וויסען נאָך בכלל זייער ווייניק פון עמיגראַציע. בעת יידען, טשעכען, פאָליאַקען און אַנדערע פעלקער, פאָרען שוין מעבר לים צענדליקער יאָרען. איז באַ רוסען האָט זיך די עמיגראַציע אָנגעהויבען ערשט די לעצטע עטלעכע יאָר, ממילא וויסען זיי נאָך נישט, וויאַזוי צו נעמען זיך פאַר אַזאַ זאַך. אין אַ רוסיש ביוראָ וועט קומען אַ פויער פון דאָרף, וועט רעדען אויף זיין שפּראַך,—דאַרף מען אים אָנווייזען צו פאָרען אין איין אָרט, זיך נעמען פאַר איין זאַך. אין אַ יידיש ביוראָ וועט קומען אַ ייד אַ שטאָטמענטש, אַ בעל-מלאכה, אַ קרעמער, אַזוי אַ לופטמענטש,— וועט רעדען אויף זיין שפּראַך, פון זיינע נויטען,—דאַרף מען אים אָנווייזען צו פאָרען אפשר אין אַנ׳אַנדער אָרט, זיך נעמען פאַר אַנ׳אַנדער אַרבעט. אָבער קודם-כל דאַרף זיין אַ רוסיש ביוראָ פאַר רוסען, אַ פּויליש—פאַר פאָליאַקען, אַ יידיש—פאַר יידען. און ווידער צמאָל: דאָס אַלץ דאַרף זיין אויסגעטייטשט אין געזעץ, הן אַז מ׳מעג עס טון, הן אַז מ׳קאָן עס טון, דאָס הייסט, אַז מ׳גיט בערויף געלט.

נעמען מיִר פּרנסות בכלל און יִדיִשע פּרנסות
בפרט. געוויִס איִז דיִ מלוכה מחויב צו זאָרגען, אַז יעדער זאָל,
וויִ ווייַט מעגלעך, געפיִנען פאַר זיִך אַ פּאַסיִקע אַרבעט און האָ-
בען ברויט. אָבער ניִשט מלוכה-טשיִנאָווניִקעס אָדער אַפילו דו-
מעס און זעמסטוועס קאָנען דאָס טון פאַר אַלעמען גלייַך, וואָ-
רום פעלקער האָבען מייִסטענס פאַרשיִדענע פּרנסות. רוסען, פּאָ-
ליאַקען, אוקראַיִנער—זענען מייִסטענס ערד-אַרבעטער, און דיִ
שטעט זענען זייִ פאַבריִק-אַרבעטער. דיִ מלוכה, דיִ זעמסטוועס
טוען, און האָבען טאַקע אַ סך אויפגעטאָן, אַז דער פּויער זאָל
האָבען ערד, אַז דיִ ערד זאָל ער קאָנען באַאַרבעטען, וויִ גע-
העריִק, ער זאָל האָבען נענוג איִנווענטאַר, ערד, מאַשיִנען וכדומה;
ער זאָל, וואָס בעסער, אָפּזעצען זייַנע דאָרפּפּראָדוקטען און זאָל,
וואָס ביִליִקער אייַנקויפען, וואָס ער דאַרף: מאַשיִנען, סעפּאַראַ-
טאָרען וכדומה, מ׳שיִקט אין דאָרף איִנסטרוקטאָרען צו לערנען
דעם פּויער באַאַרבעטען דיִ ערד, אייַנפיִרען מיִלכוויִרטשאַפט; ער
זאָל בכלל ציִען פון זייַן וויִרטשאַפט, וואָס מער נוצען; ער זאָל
אָרגאַניִזיִרען שותפות-חברות (קאָאָפּעראַטיִוועץ) פאַר קרעדיִט, פאַר
אייַנקויפען און פאַרקויפען. זייִער פיִל, למשל, האָבען דיִ רוסיִ-
שע זעמסטוועס אויפגעטאָן פאַר דיִ קוסטאַרען, דאָרף-בעלי-מלאכות,
צו לערנען זייִ בעסער און שענער דיִ אַרבעט און בעסער אָפּ-
צוזעצען זייִער אויסאַרבעט.

**יִדען, אָבער, זענען שטאָטמענטשען און האָ-
בען שטאָטיִשע פּרנסות**: מלאכה, קלייִנהאַנדעל, קלייִנפאַ-
בריִקאַציע. פאַר זייִ האָט ביִז-הייַנט קייִנער ניִשט געזאָרגט און
ניִשט געקאָנט זאָרגען. און זאָרגען דאַרף מען גראָד, און זייִער
אַ סך, און גראָד איִצט, בעת ס׳וועלען זיִך אָפּרופען אַלע וועיטיִקען
פון דער מלחמה. אַלע וויִיסען, וויִ ווייַט יִדען זענען היִנטער-
שטעליִק איִן דער מלאכה. מ׳דאַרף אַ בעל-מלאכה אויסלערנען זייַן
מלאכה גופא, ער זאָל קאָנען קאָנקוריִרען. וואָרום דאָס זעען מיִר
דאָך צו מיִט אייִגענע אויגען, אַז אַ יִיד, אַ בעל-מלאכה ווערט-אָן,

וואָס ווײַטער, אַלץ מער דעם פּלאַץ: דער קריסטלעכער בעל-מלאכה אַרבעט שענער און בעסער פֿאַר אים, — ממילא ווערט דער ייִד פֿאַרטריבן פֿון דעם מאַרק. מ׳דאַרף האָבן פּראָפֿעסיאָנעלע שולן, מוסטער-וואַרשטאַטן, אינסטרוקטאָרן, מוזייִמס און אויסשטעלונגען פֿון אויסאַרבעט. מ׳דאַרף האָבן, אַז דער בעל-מלאכה זאָל דורך זײַנס אַ בשותּפֿות-חבֿרה (קאָאָפּעראַטיוו), ביליק באַציִען מאַטעריאַל און וואָס בעסער אָפּזעצן זײַן אויסאַרבעט. מ׳דאַרף האָבן, אַז קלײנע הענדלער און בכלל דער געמײנער מאַן זאָל האָבן ביליקן קרעדיט. מ׳דאַרף האָבן אַ גרויסע באַנק פֿאַר ייִדישער פֿאָלקסווירטשאַפֿט, פֿאַר בעלי־מלאכות, קלײנהענדלער, פֿאַר דאָס ביסל ייִדישע ערד-אַרבעטער און צו העלפֿן ייִדן צו באַזעצן-זיך אויף ערד; די באַנק זאָל אויך העלפֿן אויפֿריכטן די צענדליקער טויזנטער ייִדישע פֿאַמיליעס, וואָס זענען אומגליקלעך-געוואָרן צוליב דער מלחמה; זי זאָל דינען אונדזערע עמיגראַנטן, אַזוי ווי ס׳איז פֿאַראַן אַ רוסישע, אַ פּוילישע באַנק פֿאַר פּויערים. ווער זאָל זאָרגן פֿאַר דעם אַלץ? קיינער קאָן זיך נישט אַרײַנטאָן אַזוי טיף, אַזוי גרינדלעך אין יענעמס פֿאָלקסנויטן. נאָר יעדעס פֿאָלק פֿאַר-זיך קאָן זיך אויסהעלפֿן און ממילא דאַרף דאָס אויך שטײן אין געזעץ.

דאָס זענען, בדרך-כּלל, די נויטבאַדערפֿענישן, וואָס יעדעס פֿאָלק דאַרף זיי אַלײן באַפֿרידיגן מיט דער הילף פֿון דער מדינה, כּדי צו פֿאַרהיטן זײַן קיום און אויפֿציִען געזונטע דורות, וואָס זאָלן גײן אין דעם וועג, וואָס זענען אָנגעצייכנט דעם פֿאָלק פֿון זײַן היסטאָריע. און דאָס אַלץ דאַרף זײַן באַוואָרנט אין אַ געזעץ. אָט דאָס-דאָזיקע געזעץ, וואָס דאַרף פֿאַרזאָרגן יעדעס פֿאָלק, אַז ס׳זאָל קאָנען אַלײן באַפֿרידיגן אַלע זײַנע פֿאָלקס-הצטרכות מיט דער הילף פֿון דער מלוכה, פֿון שטאָטראַטען און זעמסטוועס, אַז ס׳זאָל קאָנען פֿאַרהיטן זײַן קיום בכלל, אָט דאָס הייסט אויף דעם פּאָליטישן לשון נ אַ צ י אָ נ אַ-ל ע א ו י ט אָ נ אָ מ י ע, דאָס הייסט, נאַציאָנאַלע זכיות, נאַציאָנאַ-

לע זעלבסטשטענדיקייט. יעדעס פאָלק, וואָס איז אַ מעוט צווישען
אַנ'אַנדער גרעסער פאָלק, זאָל זיין בעל-הבית באַ זיך אין דער-
היים, אין דעם קבוץ פון אייגענע פאָלקס-אינטערעסען.

צו די צרכי-הכלל קומען צו נאָך אַזוינע זאַכען, וואָס זע-
נען נוגע נישט נאָר יחידים אַליין, נאָר דעם גאַנצען פאָלק:
דאָס איז קודם-כל די **שפראַך**. יעדען פאָלק איז שטאַרק נוגע,
אַז ס'זאָל קאָנען פריי און עפענטלעך ניצען זיין **שפראַך**,
נישט נאָר אין דער שול, נאָר בכלל עפענטלעך: **אויף פאַר-
זאַמלונגען, אין טעאַטער, אין צייטונגען און גע-
שעפטס-דאָקומענטען.** נישט שטענדיק איז דאָס אַ מובן
מאליו. מילא, פון דעם אַלטען צאַרישען רוסלאַנד איז דאָך שוין
אָפּגערעט. דאָ האָט מען דאָך נישט געטאָרט עפענען אַ כּויל
אויף אַנ'אַנדער שפראַך, חוץ רוסיש! דאָ האָט דאָך דאָס געקאָנט
דערלאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ פאָלק—ליטווינער—האָבען אַ צייט לאַנג
נישט געטאָרט דרוקען זייערע תפילות אפילו אויף זייער שפראַך;
אוקראַינער און יידען האָבען ביז דעם יאָר 1903—5 נישט גע-
טאָרט האָבען קיין צייטונג אויף זייער שפראַך. ווער געדענקט
דען נישט מיט וואָס פאַר אַנ'אכזריות מ'האָט גע'רודפ'ט די יי-
דישע שפראַך בעת דער לעצטער מלחמה? אַ יידישער סאָלדאַט
אין די „אָקאָפּעס" האָט נישט געטאָרט אָנשרייבען קיין בריוועל
דער מאַמען אויף יידיש. אין איין שיינעם טאָג (דעם 5-טען
יולי 1915), האָט מען גלאַט פאַרמאַכט אַלע יידישע צייטונגען.
יידען האָבען כמעט צוויי שרעקלעכע מלחמה-יאָר דורכאַנאַנט (ביז
דער רעוואָלוציע), קיין אייגענע צייטונגען נישט געהאַט. אין איי-
ניגע ערטער האָט מען אפילו קיין סידור נישט געלאָזט דרוקען.
אָבער נישט נאָר אין רוסלאַנד, אפילו אין גאַליציע, אין עסטרייך,
כלומר'שט אַ קאָנסטיטוציע-לאַנד, דאָרט זענען אויך געווען פעל-
קער-מיוחסים,—דאָס זענען, קודם-כל, פאָליאַקען און דייטשען, און
פעלקער-קנעכט—דאָס זענען יידען. בשעת דער פאָלקס-ציילונג,
למשל, האָט אַ ייד נישט געטאָרט אָנגעבען, אַז זיין מוטערשפראַך

איז יידיש. אזא שפראך, פלעגען זאָגען די גאַליציאַנישע באַאַמ־טע, איז גאָרנישט פאַראַן אויף דער וועלט; ס׳איז אַן׳אויסגע־קלערטע זאַך, און מ׳שטראַפירט דערפאַר מיט טורמע און מיט קנס. ווער שמועסט שוין שולען אויף יידיש—דאָס האָט מען גאָרנישט געטאָרט אויסרעדען. איז היוצא־מזה, אַז אויף יושר, ווי מיר האָבען שוין פריער געזען, קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזען. ס׳דאַרף שטיין בפירוש אין געזעץ, אַז יעדער האָט דאָס רעכט צו רעדען און צו שרייבען, צו דרוקען און מאַכען געשעפטס־דאָקומענטען (געשעפטסביכער, אַקטען וכדומה) אויף זיין שפראַך. קיינער טאָר אים נישט שטערען.

און נאָך אַ זאַך: דער צונג באַ אַ מענטשען דאַרף נישט זיין אין גלות, אין רעגירונגס־אַנשטאַלטען אויך: אויף פּאָסט, אויף דער באַן, אין געריכט, אין שטאָטראַט, אין דער זעמסטווע, וכדומה אַזעלכע אָפיציעלע אינסטיטוציעס. ווער האָט נישט צוגע־זען דעם פיין פון מענטשען: יידען, אוקראַינער, פּאָליאַקען און אַנדערע האָבען נישט געטאָרט זיך אויס׳טענה׳ן אין רוסלאַנד מיט אַ באַאַמטען אויף זייער שפראַך, הגם זיי ווינען אין דער שטאָט אין די גרויסע טויזענטער מאַסען. זיי דאַרפען דוקא ברע־כען דעם צונג אויף דעם באַאַמטענס שפראַך—אויף רוסיש. איז דאָך דאָס אַן׳אמת׳ע באַליידיגונג און רציחה. מענטשען האָט מען אַרויפגעלייגט אַ שלאָס אויפ׳ן מויל. און ס׳איז טאַקע אַ גרויסע פּראַקטישע מניעה אויך אין לעבען: וויפעל היזקות האָבען דער־פון מענטשען! איז טאַקע באַ דער דעמאָקראַטיע אַ כלל, אַז נישט דער עולם איז באַשאַפען געוואָרען פאַר דעם באַאַמטענס וועגען, נאָר פאַרקערט, דער באַאַמטער איז באַשאַפען געוואָרען פאַר דעם עולם׳ס וועגען, און ער, דער באַאַמטער דאַרף פאַר־שטיין די שפראַכען, וואָס דער עולם רעט אויף אַן׳אָרט. אין אַזאַ שטאָט, למשל, ווי מינסק, וווּ ס׳איז פאַראַן אַ גרויסער עולם יידען, ווייסרוסען, רוסען און פּאָליאַקען, דאַרפען אַלע באַאַמטע פאַרשטיין חוץ ווייסרוסיש און רוסיש, נאָך יידיש און פּויליש

אויך. אין וואַרשע דאַרפען זיי פאַרשטיין חוץ פּוילִיש, נאָך יִידיש אויך און ענטפערען דעם עולם אויף יִידיש, אויב מ׳רעט צו זיי אויף יִידיש און דעסגלייכען אין יעדען אָרט. דאָרט, וווּ ס׳איז פאַראַן אַ געוויסער ניכר׳ער פּראָצענט איינוואוינער (לאָמיר זאָגען 10%—15), וואָס רעדען נישט אויף דעם לאַנדשפּראַך, נאָר אויף זייער פאָלקסשפּראַך, דאַרף דער עולם זיין זיכער, אַז מיט זיין שפּראַך קאָן ער אויסקומען אין שטאָט אומעטום, אין אַלע אָפיציעלע אינסטיטוציעס. און ווידער אַמאָל נישט יושר, נאָר אַ געזעץ, דאָס דאַרף בפירוש אָנגעצייכענט ווערען אין געזעץ פאַר אַ חוק ולא יעבור.

פון די זאַכען, וואָס געהערען צו פאָלקס-אינטערעסען, לאָמיר דאָ אָנווייזען נאָך אויף שבת-רו. דאָס הייסט, אַז אַ יִיד דאַרף האָבען דאָס רעכט צו האַלטען אָפען זיין געשעפט אום זונטיק און גוֹיִשע חגאות, כדי ער זאָל קאָנען האַלטען צו און רוען אום שבת און יִידישע ימים-טובים. דאָס איז נוגע יִידישע קרעמער, אָנגעשטעלטע, אַרבעטער. אַזויווי כמעט אומעטום, אין יעדער שטאָט, גיט דער שטאָטראַט אַרויס תקנות, אַז די געשעפטען דאַרפען זיין געשלאָסען אום זונטיק און קריסטלעכע פייערטעג, דאַרף זיין אַ געזעץ פאַר דער גאַנצער מדינה, אַז יִידען, וואָס האַלטען צו זייערע געשעפטען אום שבת, מעגען זיי האַלטען אָפען אום זונטיק, מאַכמעדאַנער—פרייטיק.

איצט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם, וויאַזוי מ׳טוט עס אַלץ פּראַקטיש. ווי באַלט אַ געזעץ וועגען נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די מעוט-פעלקער איז שוין פאַראַן, מוז זיך יעדער איינער באַקענען צו זיין פאָלק. יעדעס פאָלק פירט זיך אַ רייסטער פון די זייניקע. אין יעדער שטאָט, אין יעדען שטעטעל, קלייבט-זיך-אויס יעדער נאַציאָנאַלער קבוץ זיין קהלה-פירונג, זיין שטאָטישען ועד. יִידען, געוויינלעך, זייער ועד באַזונדער. דער-דאָזיקער ועד איז שוין נישט סתם אַ פּריוואַטע זאַך, נאָר אַ מלוכה׳שע אינסטיטוציע, וואָס האָט שוין אַ כּוח

פון דער מלוכה אויף אייגענע פאָלקס-אינטערעסען, למשל, ווי
אַ שטאָטראַט האָט צו זאָגען אויף גאַנץ שטאָט. דעמדאָזיקען
ועד איז מען שוין מחויב צו פאָלגען. יידען, למשל,
דאַרפען פאָלגען דעם ועד פון זייער קהלה און דעסגלייכען. דער-
דאָזיקער ועד פאַרזאָרגט אַלע קהלה-אינטערעסען פון זיין פאָלקס-
קבוץ אויף אָן אָרט: ער מאַכט שולען, קורסען אַלערליי, ביבליאָ-
טעקען; ער זאָרגט פאַר בילדונג, בכלל פאַר זיין פאָלק; ער
מאַכט אַ שפּיטאָל, אַ מושב-זקנים; ער שטיצט די פאָלקס-ווירט-
שאַפט: בעלי-מלאכות אָדער ערדאַרבעטער און אַנדערע פּרנסות
און דעסגלייכען. דער ועד פאָדערט-אַרויס און האַלט אין זיין
רשות די געלטער, וואָס ס'קומט זיין קבוץ, בערך לויט אַ געווי-
סען חשבון פון דעם שטאָטראַט, פון דער זעמסטווע, פון דער
מלוכה אויף שולען, שפּיטאָלען וכדומה פאַר זיין קבוץ. דער
ועד באַשטייערט ווידער זיינע אייגענע מיט אַ ספּעציעלען
שטייער (אָפּצאָל), אויב יענע געלטער זענען ווינציק צו דעקען
אַלע פאָלקס-הצטרכות'ען. דעמדאָזיקען אייגענעם קהלה-שטייער מוז
מען צאָלען, אַזוי ווי מ'מוז צאָלען שטאָטשטייערען, מלוכה-שטיי-
ערען. דער קהלה-ועד איז אויך דער פאָרשטייער, דער באַפול-
מעכטיקטער טוער פון זיין קהלה אַקעגען שטאָט און מלוכה. ער
זעט, ניט צו דערלאָזען, אַז מ'זאָל באַ'עולה'ן זיינעם אַ גליד,
למשל, אַז קיינעם פון זיין קהלה זאָל מען ניט שטערען צו
ווענדען זיך אויף זיין שפּראַך אין די אַלע אָפיציעלע אינסטיטו-
ציעס (אויף פּאָסט, באַן, אין שטאָטראַט וכדומה), אַז יידען, למשל,
וואָס היטען-אָפּ שבת זאָל מען ניט שטערען צו האַלטען אָפען
זיין געשעפט אָדער צו אַרבעטען אום זונטיק. בכלל זעט דער
ועד צו פאַרהיטען זיינע פאָלקס-אינטערעסען, וואָס זענען אָנגע-
צייכענט אין דעם געזעץ אין דעם גבול פון נאַציאָנאַלער אוי-
טאָנאָמיע. אין דעמדאָזיקען גבול מוזען אים פאָלגען אַלע אייגע-
נע אין זיין שטאָט, און אַלע רעגירונגס-באַאַמטע מוזען אים
אַקעגענקומען.

דאָסזעלבע אויך פאַר דעם גאַנצען פאָלקס-קבוץ אין גאַנצען לאַנד. אין יעדער מדינה, אין רוסלאַנד, אין אוקראַינע, אין פוילען און דעסגלייכען, קלייבט אויס יעדער פאָלקס-קבוץ זיינע שלוחים אין זיין נאַציאָנאַלען פאַרלאַמענט, אָדער סיים. די דאָזיקע אסיפה פון שלוחים פון דעם גאַנצען פאָלק אין לאַנד קומט-פאָר, לאָמיר זאָגען, אַלע יאָר. דאָרט, אויף דער דאָזיקער אסיפה, אָדער אין נאַציאָנאַלען סיים, ווי מיר האָבען עס אַ נאָמען געגעבען, ווערען שוין באַטראַכט זאַכען, וואָס געהערען צום גאַנצען פאָלק אין לאַנד. למשל, אין ענין בילדונג: אויסאַרבעטען אַ פלאַן פאַר אַלע שולען, מאַכען לערער-אינסטיטוטען אויף צוגרייטען לערער; אָדער אין פרנסה-זאַכען: מאַכען אַ באַנק פאַר דער פאָלקסווירטשאַפט פון זיינע אייגענע וכדומה; אָדער משתדל-זיין זיך פאַר דער מלוכה אין אַזאַ ענין, וואָס איז נוגע דעם גאַנצען פאָלק. דאָס, וואָס דער דאָזיקער סיים באַשליסט איז שוין געוויינלעך אַ חוב פאַר דעם גאַנצען פאָלק. דער דאָזיקער סיים קלייבט-אויס פאַר זיך אַ פירונג, אַן אויבער-ועד פאַר דעם גאַנצען פאָלק, אַ מין נאַציאָנאַלע רעגירונג, וואָס דאַרף אויספירען בפועל אַלץ, וואָס דער נאַציאָנאַלער סיים באַשליסט; וואָס האָט אַ שטענדיקע השגחה אויף די שטאָטישע קהלות, העלפט זיי און לערענט זיי. דער נאַציאָנאַלער סיים און דער אויבער-ועד האָבען, הייסט עס, די אייגענע עובדא, וואָס די קהלה און איר ועד אויף אַן אָרט, נאָר שוין אין אַ גרעסערען פאַרנעם, אויפ'ן שטח פונ'ם גאַנצען לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז דער נאַציאָנאַלער סיים און דער אויבער-ועד זענען מלוכה'שע אינסטיטוציעס, זיי איז מען מחויב צו פאָלגען אין דעם גבול פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע לויט דעם געזעץ-נאָך.

איז פאַראַן אַ געזעץ וועגען נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און ס'זענען פאַראַן שטאָטישע קהלות מיט זייערע ועד'ען און אַ נאַציאָנאַלער סיים מיט אַן אויבער-ועד,—הייסט עס, אַז ס'איז שוין דאָ, ווער ס'זאָל אויספירען די זאַך, ווער ס'זאָל באמת געניסען

פון די זכיות, וואָס דאָס געזעץ גיט, און ווער ס'זאָל פאַרהיטען
דאָס געזעץ, מ'זאָל דערויף נישט עובר־זיין*).

אויטאָנאָמיע און שפּראַך.

איצט פרעגט זיך אַ קשיה: ס'איז טאַקע אַלץ גוט און
וויל; נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז טאַקע אַ דבר־גדול, ממש אַ
גאולה פאַר יעדען פאָלקס־קבוץ, וואָס איז אַ מעוט צווישען אַנ־
אַנדער גרעסער פאָלק, אָבער, וואָס קער־זיך עס אָן מיט אונדזער
ענין פון יידיש און העברעיש?

אָט דאָ קומען מיר צום רעכטען שפּיץ, אַז יידיש איז שוין
נישט סתם אַנ'איבעוויינקסטער ענין, וויאַזוי צו לערנען אין יי־
דישע שולען אָדער צו פירען יידישע בילדונג בכלל,—יידיש איז
שוין עפּעס מער: דאָס איז שוין אַ פּאָליטישע פראַגע,
דאָס איז שוין גאָר אַ גרויסער נאַציאָנאַלער ענין פאַר דעם
פאָלק, אַ פראַגע פון דעם קיום פון דעם יידישען פאָלק.

וויאַזוי? איז דער תירוץ: טאַקע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע!
מיר האָבען שוין געזען, וואָס־פאַר־אַ פאַרנעם נאַציאָנאַלע אויטאָ־
נאָמיע האָט, וואָס־פאַר־אַ כּח זי האָט פאַר דעם פאָלק אין אין
דער מלוכה. די מלוכה טיילט־זיך מיט אַ פאָלק מיט זיי־
נע רעכט. אַ טייל זכיות, וואָס געהערען, ווי אַלע איבעריקע
זכיות, צו דער מלוכה, גיט די מלוכה איבער דעם פאָלק, די
קהלות, און דעם סיים און דעם אויבער־ועד פון אַ פאָלק; זיי
זאָלען זיך קאָנען אַליין פירען זייער בילדונג, זייער הילפס־אַר־
בעט וכדומה, ווי מיר האָבען שוין פריער אָנגעוויזען. די מלוכה
גיט דעם כּוח אַ פאָלק דאָס אַלץ אויסצופירען, די מלוכה גיט

---

*) אַז נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז נישט סתם אַנ'אויפטו, אַ קאַפּוסט, נאָר
טאַקע אַ פּראַקטישער פּאָליטישער ענין, קאָן מען אַרויסזען פון דעם, וואָס אין איין
לאַנד איז דאָס מקוים־געוואָרען. אין אוקראַינע האָט די „צענטראַלע ראַדע" מתקן־
געווען דעם 9־טען יאַנואַר, אין יאָר 1918 אַ געזעץ וועגען נאַציאָנאַלער אויטאָנאָ־
מיע פאַר די מעוט־פעלקער און יידען אויך בכלל. און יידען האָבען באַקומען
אַנ'אייגען יידיש מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים.

אויך געלט צו שטייער דערויף, ממילא איז קלאָר, אַז אַ מלוכה טוט אַזאַ זאַך זייער און זייער אויסגערעכענט, באַטראַכט. אַזוינע ברייטע פּרעטענזיעס צו דער מלוכה קאָן האָבען ניט סתם יעדער קבוץ מענטשען,—לאָמיר זאָגען, סתם יעדער מיליאָן אָדער צוויי מיליאָן איינוואוינער, וואָס האָבען זיך צוגעפּגערעט און ווילען זיך מאַכען שבת פאַר־זיך; נישט אפילו יעדעס שבט׳על אויך, וואָס ווער ווייסט, וואָס מאָרגען וועט מיט אים זיין,—צי וועט ער נישט גאָר צעפאַלען-ווערען און נישט איינגעשלונגען-ווערען פון אַנדערע פעלקער. ניין, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ווערט געגעבען נאָר אַ פאָלק, אַן׳אומה, דאָס הייסט, אַזאַ קבוץ מענטשען, וואָס האָט אַן׳אייגענע געשיכטע הינטער זיך, וואָס לעבט לאַנגע, לאַנגע צייטען, ווי אַ פאָלק, מיט אַן׳אייגענער סביבה, מיט אַן׳אייגענער שפּראַך, מיט אייגענע מנהגים, בכלל מיט אַן׳אייגענער קולטור און מיט אַן׳אייגענעם לעבענס-שטייגער; אויטאָנאָמיע גיט מען אַ פאָלק, וואָס וויל ווייטער פירען זיין קיום מיט פעלקער גלייך, און וואָס באַווייזט מיט אַלע זיינע מעשים, מיט זיין גאַנצער פירונג, אַז עס איז מסוגל, עס האָט אַן׳אינעווייניקסטען כח צו פירען אַזאַ אייגענעם קיום. סתם אַ קבוץ מענטשען,—נישט ער קאָן האָבען אַזוינע ברייטע פּרעטענזיעס אויף אויטאָנאָמיע, נישט מ׳קאָן אים געטרויען אַזאַ זאַך: מאָרגען צעפאַלט ער זיך, פון דעם גאַנצען גע׳מלאכה׳טען בנין בלייבט נישט גאָרנישט, און מענטשען, וואָס האָבען זיך אים פאַרטרויט, בלייבען אָהן שולען, אָהן הילף. אַזוינע פּרווען קאָן די מלוכה נישט דערלאָזען, וואָרום די מלוכה איז פאַרינטערעסירט, אַז אַלע בירגער זאָלען זיכער באַקומען בילדונג, מעדיצינישע הילף וכדומה, און דאָס זאָל געטון־ווערען, ווי ווייט מעגלעך, בעסער, באַקוועמער. גאָר אַ פאָלק מיט אַ פעסטען פאָלקסשטייגער, נאָר אַזאַ פאָלק קאָן טענה׳ן צו דער מלוכה: מיר קומט! מיר קומט, ווייל אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג האָט מיר צו טייער

געקאָסט. דורות האָבען דערפאַר מיט זייער ווילֿ, מיט זייערע לעבענס באַצאָלט, און דורות וועלען ווײַטער נישט רוען, ביז מיר וועלען אונדזערס נישט אויספירען, ווײַל דערויף הענגט אונ־דזער קיום. און אַזאַ פאָלק קאָן מען אויך געטרויען גע־וויסע זכיות. וואָרום, ראשית, ווייסט טאַקע אַזאַ פאָלק בעסער פאַר אַנדערע זײַטיקע, וואָס ער דאַרף האָבען, און וויאַזוי מ׳דער־לאַנגט דאָס; שנית, איז דאָס אַן׳אייבינגער בנין.—נמצא, אַז אַ פאָלק דאַרף, ווי זאָגט מען דאָס, אויסהאַלטען אַ היסטאָ־רישען עקזאַמען אויף פאָלק, כדי ס׳זאָל האָבען רעכט צו מאָנען און ס׳זאָל לוינען אים צו געבען נאַציאָנאַלע אויטאָ־נאָמיע.

אַז יידען דאַרפען האָבען פאַר־זיך נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, ווי יעדער אַנדער פאָלק, אַז אָהן דעם הענגט אונדזער קיום אין די לענדער, וווּ מיר וווינען, דאָס איז פאַר אונדז קלאָר, אָבער, דאָס דאַרף קלאָר־זײַן פאַר אַנדערע אויך,—פאַר די, וואָס דאַרפען געבען. הייסט עס: דער עקזאַמען אויף פאָלק! אַז מיר האָבען אַ געשיכטע און אַ שיינע, אַ מיוחס׳דיקע גע־שיכטע—דאָס איז קלאָר. מיר זענען אַסך עלטער פאַר פיל פעל־קער, וואָס זיי דאַרפען עס איצט אונדז געבען נאַציאָנאַלע אוי־טאָנאָמיע. אַז מיר האָבען איצט אַן׳אייגענעם פאָלקס־שטייגער, דאָס איז אויך קלאָר. צי ווילען מיר, אָבער, דעם־דאָזיקען פאָלקסשטייגער ווייטער דערהאַלטען און אים אויפריכטען? דאָ רייסט־זיך־אַריין די שפראַך. דאָ האָט די שפראַך פון אַ פאָלק אַסך צו זאָגען. די שפראַך איז דאָ, כמעט, די וויכטיקסטע זאַך אין דעם ענין אויטאָנאָמיע. וואָרום, ראשית, איז אַן׳אייגענע שפראַך דער וויכטיק־סטער סימן פון אַן׳אייגענעם לעבענסשטייגער, דער וויכטיקסטער אינעווייניקסטער באַהעפט צווישען מענטשען פון איין פאָלק, און די שטאַרקסטע מחיצה קיגען אויסען.

פאַרוואָס גראָד די שפראַך, נישט, למשל, די אמונה, וואָס

איז, למשל, ייִדען אַזויפיל בײַגעשטאַנען צו דערהאַלטען זייער קיום אַלס פאָלק? איז דער תירוץ: הײַנטיקע צײַטען, ווען פאַר אמונה־ זאַכען רודפ׳ט מען שוין נישט, האָט נישט די אמונה די באַדײַטונג, וואָס אַמאָל. דײַטשען, למשל, זענען פּראָטעסטאַנטען און קאַטוי־ לען,—דאָך זענען זיי איין פאָלק, און דײַטשישע קאַטוילען וועט נישט אײַנפאַלען צו פאָדערען פאַר-זיך אין דײַטשלאַנד נאַ־ ציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. אין אַ לאַנד, וווּ יעדע אמונה איז פרײַ און גלײַכבאַרעכטיגט; וווּ קיין בירגער איז נישט מער חשוב, אָדער ווייניקער חשוב איבער דער אָדער יענער אמונה,—אין אַזאַ לאַנד איז די אמונה אַליין נישט קיין מניעה, אַז מענטשען פון פאַרשידענע אמונות זאָלען זיך האַלטען איינס, פאַר איין פאָלק. פאַרוואָס זאָלען דײַטשישע קאַטוילען פאָדערען פאַר-זיך נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע? צי דערפאַר, ווײַל זיי דאַרפען האָבען פאַר-זיך באַזונדערע שולען? זיי דאַרפען עס נישט. ווײַל די שפּראַך איז דיזעלבע הן באַ דײַטשען-קאַטוילען הן באַ דײַטשען־ פּראָטעסטאַנטען. מ׳לערענט אין די שולען דאָסזעלבע. נישט מער, אפשר אויף די שטונדען פון דת וועט צו פּראָטעסטאַנטישע קינ־ דער קומען אַ פּאַסטאָר און צו קאַטוילישע קינדער—אַ קאַטוילי־ שער גלח. צי דען וועט מען אין אַנדערע זאַכען, למשל, אין פאָלקסמעדיצין, אין פּרנסה-זאַכען, באַ׳עולה׳ן אַ דײַטש דערפאַר, וואָס ער איז אַ קאַטוילישער! ס׳קאָן זיך אַמאָל טרעפען אײַנצעל־ נע פאַלען, אָבער בדרך-כלל — נישט, וואָרום די שפּראַך און די געשיכטע מאַכט פון מענטשען בכלל איין סביבה.

און נישט נאָר דײַטשישע קאַטוילען, אפילו דײַטשישע ייִדען פאָדערען נישט פאַר-זיך קיין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וואָרום זיי האָבען עס נישט אויף וואָס אויסצובערענ־ גען; וואָרום זייער שפּראַך איז שוין דײַטש, ממילא דאַרפען זיי נישט קיין ספּעציעלע שולען. פאַר דת איז גענוג, אַז דער רב לערענט מיט די קינדער די נייטיקע עטלעכע שעה אַ וואָך. זיי דאַרפען אודאי נישט קיין באַזונדער געזעץ, זיי זאָלען קאָנען

רעדען אין אָפיציעלע אַנשטאַלטען אויף זייער שפּראַך, וואָרום זייער שפּראַך איז דײַטש. איבער דעם, וואָס דײַטשישע יידען האָבען שוין נישט קיין אייגען לשון, זייער שפּראַך איז דײַטש, איבער דעם איז דער אינעווייניקסטער פאָלקסשטייגער בײַ דײַטשישע יידען זייער אַ שוואַכער, אַנ'אָרעמער — ער האָט אַ קנאַפּע אחיזה אין לעבען. פאַרקערט, זיי קומען זיך גיכער צונויף מיט קריסטען, האָבען מער אינטערעסען און שייכות מיט קריסטען, איידער רוסישע, ליטווישע, אוקראַינישע, פּוילישע יידען. דער דײַטשישער ייד, וואָס האַלט זיך נאָך בײַ יידישקייט, דאַרף האָבען אַ סינאַגאָגע, אין בעסטען פאַל אַ בית־מדרש, ער דאַרף האָבען אַ רבנים־סעמינאַריום, ער דאַרף האָבען זײַנע אייגענע צדקה־קאַסעס. אָבער, דאָס אַלץ איז נישט פון די גרויסע זאַכען, וואָס צוליב זיי דאַרף מען האָבען אויטאָנאָמיע, און נישט דערויף גיט מען אויטאָנאָמיע אין אַזאַ מאָס, ווי מיר האָבען עס פריער גע־מאָלט. די קהלות בײַ די דײַטשישע יידען האָבען בערך גענוג רעכט, נאָר אפילו די רעכט קאָנען דײַטשישע יידען נישט ברייט אויסנוצען, ווײַל זייער פאָלקסלעבען איז קיין לעבען נישט, ווײַל זיי זענען צופיל דײַטשיש. און צופיל דײַטשיש זענען זיי קודם־כל, ווײַל זיי האָבען קיין אייגענע שפּראַך נישט, ווײַל זייער שפּראַך איז דײַטש. ס'רוב דײַטשישע יידען האַלטען טאַקע, אַז זיי זענען נישט קיין באַזונדער יידישע אומה, זיי זענען אַ טייל פון דײַטשישען פאָלק נאָר פון יידישער אמונה, זיי זענען דײַטשען פון משה־רבינו'ס גלויבען.

שנית, ווען מלוכה גיט שוין יאָ אויטאָנאָמיע, האָט זי אין זין קודם־כל אַ געוויסע שפּראַך־גרופּע, אַ קבוץ, וואָס איז פעסט פאַרבונדען מיט זײַן שפּראַך. די שפּראַך איז פאַר אַ מלוכה דער וויכטיקסטער סימן פון אַ פאָלק: וואָס־פאַר־אַ שפּראַך דו רעדסט, צו דעם פאָלק געהערסטו. טאַקע מהאי־טעמא האָבען פּוילישע שווינדעל־פּאָליטיקער אין גאַליציע נישט געלאָזט, אַז יידען זאָלען אָנגעבען זייער מוטערשפּראַך יידיש. וואָרום, אויב

יידיש איז אַ שפּראַך—הייסט עס, אַז יידען זענען אַ פאָלק, און דאָס לוינט נישט צום רומעל איבער כמה טעמים. איז כדי פּטור-צו-ווערען פון אַ יידיש פאָלק און פון תביעות, וואָס יידען קאָ-נען האָבען אַלס אַ פאָלק (למשל, תביעות אויף אייגענע יידישע שולען), לייקענט מען אָפּ זייער שפּראַך,—איז מען שוין דער-מיט ממילא מבטל דאָס יידישע פאָלק. און נישט צופעליק האַלט אַזוי מלוכה פון שפּראַך, ווען ס'רעט זיך פון אַ פאָלק. וואָרום מיר האָבען שוין פריער געזען, אַז די וויכטיקסטע פאָלקסבאַ-דערפענישען זענען פאַרבונדען אָדער דירעקט מיט דער שפּראַך פון אַ פאָלק, ווי, למשל, שולען, פּראָפעסיאָנעלע שולען, ביבליאָטעקען, בכלל די קולטור און די גאַנצע בילדונגס-אַרבעט; אָדער מיט דעם לעבענסשטייגער פון אַ פאָלק, וואָס דער לעבענסשטייגער איז ווידער פאַרבונדען מיט דער שפּראַך, אַזוי ווי אַ גוף מיט אַ נשמה.

אויטאָנאָמיע פאַר יידען און יידיש.

דערפון קאָנען מיר שוין זען, אַז אויב יידען ווילען האָבען פּרעטענזיעס אויף אויטאָנאָמיע, מוזען זיי געבען אַ תשובה אויף דער שפּראַך: צי האָבען זיי אַן אייגענע שפּראַך, און צי ווילען זיי באמת די דאָזיקע שפּראַך ווייטער דערהאַלטען; צי מאָנען זיי רעכט פאַר זייער שפּראַך, אַזוי ווי יעדער אַנדער פאָלק טוט עס פאַר זיין שפּראַך. וואָלטען מיר נישט געהאַט אויף זיך קיין העברעיסטען און ציוניס-טען, וואָלט דאָס גאָר אפילו קיין שאלה נישט געווען. בעת דער פאָלקסציילונג אין רוסלאַנד מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, אין יאָר 1897, האָבען 97 פּראָצענט יידען אָנגעגעבען זייער מו-טערשפּראַך—יידיש. דאָס הייסט, אַז פון יעדע הונדערט יידען זע-בען זיבען און ניינציק דערצויגען-געוואָרען אויף יידיש. כמעט זעקס מיליאָן יידען פון רוסלאַנד צו יענער צייט רעדען אויף יידיש, האַנדלען און וואַנדלען, פירען-אויס אַ וועלט אויף יידיש.

אויף דער גאָרער וועלט זענען אַזוינע ייִדען, וואָס זייער שפּראַך איז ייִדיש, פאַראַן אַריבער 10 מיליאָן. קיינעם וואָלט אַפילו אין קאָפּ נישט געקומען צו פרעגען, צי איז ייִדיש אַ שפּראַך, און צי ווילען ייִדען ווײַטער דערהאַלטען זייער ייִדישע שפּראַך. פּשיטא! ווי דען? נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר ייִדען וואָלט נישט געהאַט קיין מניעה, ווייניקסטענס פון דער שפּראַך, דאָס הייסט, פון ייִדען גופא. וואָרום אַ זײַטיגער מענטש קאָן אין אַזאַ זאַך, ווי אַ שפּראַך בײַ אַ פאָלק, געוויס קיין דעה נישט זאָגען און אַפילו קיין עצה נישט געבען.

איצט, אָבער, בעת ייִדען האָבען אויף זיך ציוניסטען און העברעיסטען, וואָס לייקענען שטיין און ביין,—זיי זאָגען, אַז ייִדיש איז גאָר קיין ייִדישע שפּראַך נישט—אונדזער אמת'ע שפּראַך איז גאָר העברעיש,—איצט פרעגט־זיך, וואָס־פאַר־אַ שפּראַך זאָלען מיר אָנווײַזען דער מלוכה, אַז דאָס איז די שפּראַך פון ייִדישען פאָלק? מיר, פאָלקסמענטשען, וועלען זאָגען געוויינלעך: ייִדיש. וועלען קומען די העברעיסטען און זאָגען: לא כי, דוקא העברעיש. איז וואָס וועט זיין דער פּועל־יוצא דערפון? דער פּועל־יוצא דערפון וועט זײַן, אַז מלוכה וועט ריכטיק זאָגען: אַ פאָלק, וואָס ווייסט נאָך אַליין נישט, וואָס איז זײַן שפּראַך; אַ פאָלק, וואָס איז נאָך נישט אַדורכגעקומען צווישען זיך וועגען דעמדאָזיקען וויכטיקסטען חזוק פון זײַן קיום—אַזאַ פאָלק פאַרדינט נישט קיין אויטאָנאָמיע! ס'איז נאָך צו פרי פאַר אײַך! פריער מאַכט אײַך, איר ייִדען, אַליין קלאָר די זאַך בײַ זיך אינעווייניק, איר זאָלט האָבען פעסט איין מיינונג, און נאָכדעם וועט איר שוין קומען מיט אײַערע תביעות צו דער מלוכה. פריער, הייסט דאָס, זײַט אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער, און נאָכדעם וועט איר שוין מאָנען אײַערע רעכט. דאָס הייסט, אַז ווען אַלע אומות וועלען געהאָלפען־ווערען, וועלען מיר נאָך אַלץ שטעקען אין דרויסען, ווער ווייסט ביז וואַנען.

פאַרשטייען די העברעיסטען, וואָס-פאַר-אַן׳אומגליק זיי ברענגען אויפ׳ן יידישען פאָלק, טוען זיי איך אַן׳אויבער-הסברה. באשר, מיר זענען גאָרנישט מחויב אָנוויזען דער מלוכה, וואָס-פאַר-אַ שפּראַך מיר האָבען: יידיש אָדער העברעיש. באַ זיך, אינעווייניק, וועלען מיר זיך שפּאַרען און אַמפּערען, ביז עמיצער פון די צדדים וועט נישט גובר-זיין; דער מלוכה, אָבער, וועלען מיר אַלע איינגעם זאָגען: „אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך" סתם, אָדער „די שפּראַך פון דעם יידישען פאָלק", נישט אויסגעטייטשט בפירוש, וואָס-פאַר-א שפּראַך מ׳מיינט דערמיט. זאָל אונדז מלוכה אַרויסגעבען אַ הכשר סתם אויף אַ שפּראַך בלינד, מיר וועלען שוין דערנאָך פאַר-זיך געפינען דעם פירוש.

דוכט-זיך, זייער קונציק און שכל׳דיק? איז, אָבער, די מעשה, וואָס די מלוכה און לייטען ווייסען שוין אויך, פון וואָס דאָ האַנדעלט-זיך, און וויל נישט און וועט נישט שפּילען אין בלענדעניש. מלוכה פאַרנעמט-זיך נישט מיט קיין רעטענישען; זי וויל וויסען פעסט, פון וואָס-פאַר-אַ שפּראַך דאָ רעט-זיך. ווארום מלוכה גיט נישט קיין הכשר איך סתם-שפּראַכען און אויף אויסגעקלערטע שפּראַכען, וואָס אין לעבען האָבען זיי קיין אחיזה נישט. זאָלען מיר זיך פאָרשטעלען, אַז יידען זאָגען מאָרגען: אונדזער שפּראַך איז העברעיש, גיט אונדז אויטאָנאָמיע אויפ׳ן יסוד פון העברעיש. איז קרוב לאמת, אַז מלוכה וועט אונדז אָפּזאָגען. אויטאָנאָמיע איז נישט קיין שפּילעכעל און מיט אויטאָנאָמיע מאַכט מען נישט קיין פּרווען. אויטאָנאָמיע גיט מען אויף אַ שפּראַך, וואָס זי איז פאַראַן; אויף אַ שפּראַך, וואָס זי איז באַ אַ פאָלק אין מויל הונדערטער יאָרען; וואָס אַ פאָלק טראַכט און פילט אויף איר, רעט און שרייבט, פירט-אויס זיין גאַנצע וועלט, אָבער נישט אויף אַ שפּראַך, וואָס אַ פאָלק האַלט פאַר אַ יחוס, דאָס פאָלק לעבט, אָבער, נישט מיט דער שפּראַך. די מלוכה איז נישט מחויב נאָכצוגעבען אַן׳איינרעדעניש, אַ קאַפּריז, וואָס טרעפט-זיך נישט באַ קיין אומה ולשון, און וועט עס

טאַקע נישט טון אויך. און אַזוי־ווי די גאָרע וועלט ווייסט שוין פון אונדזער אינעווייניקסטער מחלוקת, און בכלל אַזאַ זאַך, ווי דער שטרייט פון יידיש אָדער העברעיש, קאָן מען נישט אויסבאַהאַלטען, איז דעריבער מוזען מיר זיך אַליין קלאָר־מאַכען, און דער וועלט און דער מלוכה זאָגען אָפען, וואָס איז אונדזער שפּראַך, און פאַר וואָסער שפּראַך פאָדערען מיר אויטאָנאָמיע. קיינע חכמות און יידישלעכע המצאות וועלען דאָ נישט העלפען. איז איינס פון די ביידע: אָדער יידיש איז אונדזער שפּראַך, דעמאָלט האָבען מיר האָפענונג אויף אויטאָנאָמיע, מיר זאָלען מיט דער צייט געהאָלפען־ווערען מיט אַלע פעלקער גלייך, אָדער די אייביגע מחלוקת, ווער שמועסט שוין גאָר, מיר זאָלען זאָגען העברעיש,—דאַן איז אויס! דאַן זענען מיר קיין היינטוועלטיק פאָלק נישט; דאַן זענען מיר אַ פאַרעלטערטע עדה מיט פאַרשידענע כּתות, וואָס לעבט נישט אויף איר וועלט, און בכלל—נישט זי לעבט מיט פעלקער גלייך, נישט זי שטאַרבט. אַן־אייביגער צער פאַר־זיך, אַ בזיון פאַר דער וועלט. וואָס־פאַר־אַ תביעות קאָנען מיר דעמאָלט האָבען צו דער וועלט, אַז אונדז קומט אונדזער רעכט, אַזוי־ווי אַלע פעלקער? און ווער וועט אונדז וועלען הערען, אויב מיר זאָלען אַפילו טענה׳ן?

דעמאָלט קאָן נאָך אַפילו געמאָלט־זיין, אַז ס׳זאָל אויפהייבען דעם קאָפּ בּאַ אונדז, צווישען יידישיסטען און העברעיסטען, *דער דריטער צד — די אַלטע אַסימילאַציע*, און וועט טענה׳ן: איר זעט, מיר זענען סוף־כּל־סוף גערעכט,— מיר האָבען אַלעמאָל געזאָגט, אַז יידען זענען קיין פאָלק נישט, נאָר אַן־אמונה, אַ רעליגיעזישע עדה. יידען זענען רוסען און דאַרפען זיין רוסען אין רוסלאַנד, פּאָליאַקען אין פּוילען, אוקראַינער אין אוקראַינע וכדומה, נאָר, להבדיל, מיט אַ בית־המדרש אָנשטאָט אַ קלויסטער. יידען, וועלען זיי זאָגען, ווילען נישט, נישט קיין יידיש, נישט קיין העברעיש, נישט קיין אויטאָנאָמיע—זיי דאַרפען עס נישט האָבען. און צו אַזוינע רייד וועט מען זיך אַ סך גי-

כער צוהערען, איידער צו ייִדישיסטען מיט העברעיִסטען צוזאַמען, וואָרום רעכט בכלל, און נאָך אַזאַ נייע זאַך, ווי נאַציאָנאַלע רעכט, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, גיט נישט מלוכה אַזוי גרינג באַ דעם ערשטען בעסטען פאַרלאַנג פון עפּעס אַ כּתּה. זי גיט עס, ווען אַ גאַנץ פאָלק פאָדערט עס מיט גרויס עקשנות און ווערט נישט מיד צו פאָדערען און צו אַרבעטען; ווען מלוכה, הייסט עס, האָט קיין ברירה נישט. אַקעגען אונדז, אָבער, קאָן נאָך מלוכה האָבען אַ ברירה: די ברירה האָבען מיר איר אַליין געגעבען, מיט אונדזער אינעווייניקסטער מחלוקת, וואָס מיר זענען נישט גלייך צו אַנדערע פעלקער, און מיר דאַרפען נאָך האָבען אַ ישוב באַ־זיך וועגען דער שפּראַך, דאָס הייסט, וועגען דעם קערן פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, בעת באַ קיין שום פאָלק, חוץ אונדז, איז דאָס קיין שאלה נישט, וואָס איז זייער שפּראַך. ס'איז זיי קלאָר, ווי דער טאָג.

בכּן קומען מיר דערצו, אַז איבער אַ פאַנטאַזיע פון אַ כּתּה העברעיִסטען, וואָס ווילען דערלאַנגען דאָס טעלערעל פון הימעל, שטעלען מיר פאַר אַ סכּנה אַרויסצולאָזען פון די הענט אַ זיכערע זאַך, דעם ווירקליכסטען חזוק פאַר אונדזער קיום, דאָס הייסט די רעכט פון אַ פאָלק, די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ביום שידובר בה. ווען ס'וועט קומען דערצו, אַז מלוכה וועט מוזען אַקעגענקומען פעלקער, וועלען אַלע פעלקער געהאָלפען־ווערען, נאָר מיר וועלען אויסזען, ווי אַנ'אבל אויף דער וועלט'ס שמחה. אויף אונדז ייִדען, אויף די בלוטיגסטע ייִדישע פאָלקס־אינטערעסען וועלען האָבען די דעה רוסישע, פּוילישע באַאַמטע; רוסישע, פּוילישע שטאַטראַטען, און קיינער וועט דאָ נישט שולדיג־זיין — נאָר מיר אַליין. וויאַזוי דיזאָזיקע אינטערעסען וועלען אויסזען, וואָס־פאַר־אַ פּנים זיי וועלען האָבען, איז אפשר איבעריק צו רעדען. מיר האָבען שוין אַ ידיעה אין דעם פון פריער, פון היינט.

אָבער חוץ דעם וועלען מיר אָנווערען אונדזער אָנזען, אונ־

דזער כבוד באַ דער וועלט און די אויגען: אויף אַ קאַליקע אַ פאָלק קאָן מען האָבען רחמנות, אָבער קיין דרך-ארץ פאַר אַזאַ פאָלק האָט מען ניט. און מיר וועלען געפאַלען-זיין באַ אונדז גופא אין די אויגען. אומגעהייער-שווער וועט אונדז זיין צו דערהאַלטען אונדזער פאָלקס-קיום. יעדע זאַך, וואָס באַ אַנ׳אַנ-דער פאָלק גייט עס צו גרינג און נאַטירלעך, ווייל ס׳איז אַליין בעל-הבית באַ זיך, וועט אונדז אָנקומען כּקריעת ים-סוף, ווייל באַ אונדז וועלען די הענט זיין געבונדען, מיר וועלען דאָס אַלץ דאַרפען אויספירען מיט פרעמדע הענט. מיט וואָס וועלען מיר דערהאַלטען באַ זיך אונדזער קינפטיקען דור, די יוגענט, וואָס וועט אויסוואַקסען אַ געזונטע און אַ פרייע,—ניט אַזוינע קאַליקעס, ווי מיר,—און וועט וועלען געניסען פון אַ וועלט? מיט וואָס וועלען מיר זי דערהאַלטען, די יוגענט, ווען אָנשטאָט נאַציאָנאַלער פרייהייט, אָנשטאָט אַ שטאַרק נאַציאָנאַל לעבען, ווי באַ אַלע פעלקער, וועט דער יונגער דור געפינען אַ פאַרשימעלטע מחלוקת פון יידישיסטען און העברעיסטען און מער גאָרניט? צי פאַר-טרייבען מיר ניט פון זיך בידים אונדזערע אייגענע קינדער, אונדזער האָפענונג?

אויטאָנאָמיע פאַר יידען און אונדזערע שכנים-פעלקער.

זאָל זיך ניט אויסווייזען, אויב מיר פועל׳ען באַ זיך, אַז מיר זענען נאָך ניט ווערט באַפרייט צו ווערען אַלס אַ פאָלק; מיר האָבען נאָך ניט פאַרדינט קיין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, ווייל מיר האָבען באַ זיך אין דער ווירקליכקייט זאַך אַ ווילד מחלוקת אָנשטאָט איין פעסטען פאָלקסווילען, זאָל זיך ניט אויס-ווייזען, אַז, אמת, מיר וועלען טאַקע ליידען, אָבער, דערמיט זע-נען מיר שוין פטור; מיר וועלען האָבען אַ פנים פון חוזק באַ דער וועלט, אָבער, מ׳וועט אונדז לאָזען צורו. ניין, מ׳וועט אונדז ניט לאָזען צורו! וואָרום אויב מיר וועלען ניט

זײַן אַ פֿאָלק מיט נעקער גלײַך, וועלען מיר אַלעמען שטײן, ווי אַ בײן אין האַלדז. וואָרום אויב ס׳וועט נישט זײַן קײן יידיש פֿאָלק מיט יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלען יידען נישט קאָנען בלײַבען הענגען סתם אין דער לופטען, נישט אַהין, נישט אַהער; יעדער ייד וועט מוזען זײַן אַ נכתב פֿון עפּעס אַ פֿאָלק, און, געוויינלעך, פֿון אַ פֿרעמד פֿאָלק, פֿון אַ פֿרעמדער אויטאָנאָמיע, ווײַל קײן יידישע אויטאָנאָמיע איז דאָך נישטאָ. מיר וועלען זיך פֿאָרשטעלען פֿאַר רוסען, פּאָליאַקען, אוקראַינער, אַרמענער, טאָטערען, וואָרום קײן סתם-בירגער וועלען נישט זײַן, קײן סתם-שולען וועלען נישט זײַן.

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, אַז אַלע קולטור-פֿעלקער, למשל, אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילען וועלען באַקומען נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. הײסט עס, אַז יעדער בירגער אין רוסלאַנד וועט מוזען זײַן צוגעשריבען צו עפּעס אַ פֿאָלק. וואָרום די מלוכה וועט דאַרפֿען וויסען, ווער צו וואָס-פֿאַר-אַ פֿאָלק ס׳געהערט, כּדי זי זאָל וויסען, וויפֿעל יעדען פֿאָלק ס׳קומט צושטײַער פֿון איר קאַסע אויף זײַנע הצטרכות׳ען, און פֿון וועמען זי זאָל מאָנען, למשל, אַז אַזאַ און אַזאַ קינד האָט באַקומען בילדונג. לאָמיר זיך אומקערען צוריק צו אונדזער אַלטען משל מיט שולען. בעת ס׳וועט מקוים-ווערען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿאַר אַלע פֿעלקער, וועט אין דער שטאָט מינסק, למשל, נישט זײַן קײן סתם-שולען, נאָר ווײַסרוסישע שולען, רוסישע שולען, אפֿשר נאָך אוקראַינישע שולען, אויב ס׳וועלען זיך דאָרט געפֿינען אוקראַינישע שילער אויך אין דעסגלײַכען. יעדעס פֿאָלק וועט מאַכען אין מינסק שולען פֿאַר זײַנע קינדער; אַלע שולען וועלען האָבען גלײַכע רעכט פֿון רעגירונגס-שולען און דער מינסקער שטאָטראַט וועט יעדען פֿאָלק געבען צושטײַער אויסצוהאַלטען זײַנע שולען, לויט דער צאָל קינדער. ווער-זשע וועט מאַכען שולען פֿאַר יידישע קינדער, און ווער וועט זײ אויסהאַלטען, אויב יידען זענען קײן פֿאָלק נישט און זײ האָבען נישט קײן אײגענע

נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע? נישטאָ ווער! — יידישע קינדער זענען יתומים.

וואָס-זשע וועט זיין דער סוף? דער סוף וועט זיין, אַז אַ טייל יידען וועט זיך פאַרשרייבען פאַר ווייסרוסען, כדי זייערע קינדער זאָלען קאָנען לערנען אין ווייסרוסישע שולען, אַ טייל וועט גאָר מיטאַמאָל ווערען פּאָליאַקען, כדי זייערע קינדער זאָלען זיך לערנען אין פּוילישע שולען, אַ טייל וועט ווערען רוסען, אַנדערע וועלען ווערען אוקראַינער וכדומה אָהן אַ סוף. הייסט עס, אַז אַנ׳עדה יידען אין מינסק וועלען געהערען צו דריי, פיר פרעמדע פעלקער, וועלען דאָרט, בּאַ די פרעמדע פעלקער צאָלען שטייערען, זייערע קינדער וועלען רעדען אויף פאַרשידענע שפּראַכען, און יידען וועלען זיך נישט קאָנען צונויפרעדען צווישען זיך. און אַזויווי די טבע פון יעדען געזונט פאָלק איז: וואָס שטאַרקער צו זיין אין צאָל און ממילא אויך אין וואָג, וועט יעדעס פאָלק האָבען טענות צו יידען: רוסען וועלען האָבען טענות צו יידען-פּאָליאַקען, הלמאי גייט איר צו די פּאָליאַקען און מיט דעם מאַכט איר פּאָליאַקען שטאַרקער און אונדז שוואַכער? ווייסרוסען האָבען דאָך געוויס פּרעטענזיעס אויף מינסק. זיי זאָגען, אַז מינסק איז אין ווייסרוסלאַנד, איז ממילא מינסק „זייער“ שטאָט, זיי זענען „בעל-הבית“ אין מינסק, און דעריבער זענען מינסקער יידען „זייערע“; מינסקער יידען טאָרען נישט זיין נישט קיין רוסען, נישט קיין פּאָליאַקען, נאָר כשר׳ע ווייסרוסען, כדי ווייסרוסען זאָלען נישט שוואַכער ווערען, למשל, אין שטאָטראַט, און פּאָליאַקען זאָלען נישט שטאַרקער ווערען אויף דעם חשבון פון די „בעלי-בתים“, פון די ווייסרוסען. יידען וועלען זיין הפקר, אַלע וועלען זיך פאַר זיי רייסען, נאָר אויסגעריסען וועלען יידען ווערען, וואָרום יעדעס פאָלק וועט צו זיי האָבען טענות. ווייסרוסען וועלען זאָגען: איבער אייך, איבער דעם, וואָס איר גייט צו די פּאָליאַקען, בּאַקומט מינסק אַ פּויליש אויסזען, מ׳הערט נאָר פּויליש; פּאָליאַקען

וועלען טענה'ן דאָס אייגענע פאַרקערט. און ס'וועט זיין די מעשה אַזוי ווי מיט יענע צוויי פריצים מיט זייערע צוויי מאָשקעס: דו שלאָגסט מיין מאָשעק, וועל איך דערפאַר אַריינלייגען דיין מאָשקען! און די צוויי געשמיסענע מאָשקעס וועט בלייבען צו טרייסטען זיך: זע, ווי דער פריץ האָט מיך ליב, וויאַזוי ער נעמט-זיך-אָן פאַר מיר! נאָר דאַסמאָל וועלען געשמיסענע מאָשקעס זיין אַלע מינסקער יידען און אַלע יידען בכלל אין יעדער מדינה. און מ'וועט זיי רודפ'ען אין דער שול, און ס'וועט דערלאַנגען צו פרנסה אויך, אויף שריט און טריט. אפשר וועלען דעמאָלט יידען פאַרשטיין, וואָס-פאַר-אַ גליק ס'איז צו האָבען צוויי שפּראַכען באַ זיך: אַ יחוס-שפּראַך—העברעיש, אַ צוגאָב צו יידיש, און איבער דעם נישט האָבען קיין איין שטיקעל נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, אַפילו קיין אייגענע פאָלקסשול אויך נישט!

וועט זיך אַנדערע אפשר אויסווייזען די גאַנצע מעשה, וואָס מיר האָבען דאָ דעמאָלט פאַר אַ בייזען חלום, פאַר אַן'אויסגעקלערטס פון אַ ווילדער פאַנטאַזיע. איז, אָבער, דאָס רעכטע אומגליק, וואָס דאָס איז נישט קיין פאַנטאַזיע, נישט קיין בייזער חלום, נאָר אַ ביטערער אמת, וואָס מיר האָבען עס צוגעזען מיט אייגענע אויגען אין גאַליציע. דאָרט האָבען מיר צוגעזען אַ פאַרביטערטען שטרייט צווישען פּאָליאַקען, וואָס האַלטען זיך פאַר „בעלי-בתים" אויף גאַליציע, און אוקראַינער, וואָס מאָנען זייערע נאַציאָנאַלע רעכט און ווילען האָבען דיזעלבע נאַציאָנאַלע פּריווילעגיעס, וואָס פּאָליאַקען. אין דעם שטרייט צווישען די ביידע ווערט דערשטיקט דער דריטער,—דאָס פאָלק ישראל. יעדער צד וויל אויפווייזען, דרך-אגב, אַז ער איז דער רוב איינוווינער. די אוקראַינער—און דאָס דאַרף מען זיי זאָגען לשבח—פאָדערען, אַז יידען זאָלען זאָגען, אַז זיי זענען יידען: וועט מען שוין ממילא זען, אַז זיי, די אוקראַינער, זענען דער רוב, דאָס הייסט, מער פאַר פּאָליאַקען? וואָס-זשע טוען פּאָליאַקען, לאָזען

זיי נישט, אַז ייִדען זאָלען זיך באַקענען פאַר ייִדען. זיי האָבען ביז דער לעצטער צייט געהאַט די ממשלה אין גאַליציע; די באַאַמטע זענען זייערע, און אַז עס קומט צו אַ פאָלקסציילונג, פאַרשרייבט מען ייִדען פאַר פאָליאַקען; ייִדישע הייזער, ווו מ'רעט באָר ייִדיש, פאַרשרייבט מען, אַז די מוטערשפּראַך איז פּויליש אָדער דייטשיש, און מ'לאָזט נישט און מ'פאַרבאָט שטרענג, אַז אַ ייִד זאָל אָנגעבען זיין אומגאַנגשפּראַך ייִדיש.

באַ דער לעצטער פאָלקסציילונג פאַר דער מלחמה, האָבען אַ טייל ייִדען זיך דאָך איינגעשטעלט און געזאָגט דעם אמת, אַז זייער שפּראַך איז ייִדיש—האָט מען אַזוינע באַשטראָפט מיט טורמע און מיט קנס, ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרען. וואָלט, אָבער, דער גאַנצער ייִדישער קבוץ אָנגעגעבען ייִדיש פאַר זיין לשון, וואָלט אַזוינס נישט געקאָנט פאָרקומען,—קיין מיליאָן ייִדען זעצט מען אין טורמע נישט אַריין. דאָס אומגליק איז, אָבער, וואָס אַ גרויסער טייל, דערהויפּט די אויפגעקלערטע און די חסידים, האָבען געפעלשט דעם אמת און אָנגעגעבען זיך פאַר פּאָליאַקען, אַזוי הייסט די מורא, די קנעכטשאַפט באַם פּוילישען פּריץ און רבי'ישע הויפען! פאַרשרייבט מען, אָבער, ייִדען פאַר פּאָליאַקען, אַזוי ווערט פּאָליאַקען מיט אַ מיליאָן מער איידער ס'איז באמת, און פּוילישע פּרעטענזיעס אין גאַליציע האָבען כלומר'שט אַן אויסזען פון גערעכטיקייט, אָבער ייִדען האָבען דערפון געהאַט ווייניק נחת. וואָרום וואָס-פאַר-אַ נחת ייִדען האָבען פון פּאָליאַקען, דערהויפּט נאָך אין גאַליציע, ווייסען מיר אַלע. צווישען אוקראַינער האָבען זיך ייִדען געשאַפען שונאים איבער זייער געצוואונגענעם פּוילישען יחוס. ס'קומט-אויס, אַז ייִדען לא די, וואָס זיי נעמען זיך נישט אָן אַליין פאַר-זיך, פאַר אייגענע פאָלקס-אינטערעסען, העלפען זיי דעם שטאַרקערען פאָלק, די פּאָליאַקען, דערשטיקען דאָס שוואַכערע, אוקראַאינישע פאָלק. און וואָס וואָלט, דוכט זיך, געווען פּשוט'ער, ווען ייִדען זאָלען זאָגען דעם אמת: מיר זענען נישט קיין פּאָליאַקען, נישט קיין דייַ־

טשען, נִישט קײַן אוקראַינער—מִיר זענען יִדען! מִיר ווִילען קײנעם נִישט שטאַרקער מאַכען, נִישט שוואַכער מאַכען—מִיר זענען אַ פאָלק פאַר־זִיך, מִיר ווִילען, אַז מ'זאָל אונדז מודה־זײַן, וואָס מ'אִיז מודה אַלעמען—אונדז קומט אִין גאַלִיציע אונדזערע אײגענע נאַציאָנאַלע רעכט. און ווִידער דִי אײגענע מעשה, ווִי מִיט דעם יִדען, וואָס ברעכט זִיך דעם קאָפּ, וויאַזוי זאָל ער פאַרשרײַבען זײַן קִינד: זאָל ער אִים פאַרשרײַבען ווײנִיקער יאָרען אִיז דאָס אַ מעלה פאַר'ן פּרִיזִיוו, אָבער אַ חסרון פאַר אַ שידוך; פאַרקערט, פאַרשרײַבען מער יאָרען, אִיז דאָס אַ מעלה פאַר אַ שידוך, אָבער אַ חסרון פאַר דעם פּרִיזִיוו. און אײן זאַך פאַלט אִים נִישט אײַן: פאַרשרײַבען דִי אמת'ע יאָרען!

אִיז זעען מִיר, אַז ווען יִדען זאָלען נִישט קומען פּאָלִיטִיש צו דער מדרגה פאָלק; דאָס הײסט, ווען יִדען זאָלען נִישט באַקומען נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמִיע; זײ זאָלען זײַן אַ פאָלק פאַר־זִיך און אויפהערען זִיך פּלאָנטערען אַנדערע פעלקער פאַר דִי פִיס, קאָן עס קומען דערצו, אַז יִדען זאָלען אָנהײבען אויסשטײן אַפִילו דִי אַלטע גוט־באַקאַנטע צרות און רדיפות אויך. לפנים, לויט דעם געזעץ, מעגען זײ האָבען אַלע בִירגער־רעכט, נאָר פון שכנים־פעלקער ווועלען זײ האָבען אַ סך אויסצושטײן אִיבער דִי אַלע טעמים, וואָס מִיר האָבען שוין אִיבען דערמאָנט. דאָס, וואָס יִדען ווועלען נִישט האָבען קײן נאַציאָנאַלע רעכט, קאָן זִיך אָנרופען אויף זײער בִירגער־רעכט אויך. צו דעם שוואַכען, צו דעם מִינדערווערטִיקען, לאָזט זִיך אַלעמאָל אויס באַ אַלע שטרײַטִיקײטען. מ'מוז זײַן שטאַרק אַלס אַ פאָלק, כדי יעדער יחיד אִין פאָלק זאָל קאָנען געניסען זײַנע געוויינלעכע בִירגער־רעכט. כדי יִדען זאָלען קאָנען, למשל, אָנקומען אָהן מניעות אִין מִינסקער שטאָטראַט אַלס באַאַמטע, זײ זאָלען קאָנען אָנקומען אויף שטאָטִישער אַרבעט וכדומה; מ'זאָל יִדען באַהאַנדלען ווִי מענטשען, ווִי בִירגער, דאַרף דער גאַנצער יִדִישער קבוץ

זײַן אָרגאַניזירט אַלס פאָלק מיט פעלקער גלײַך. ווײַסרוסען, למשל, זאָלען זיך נישט וועלען נוקם-זײַן אָן ייִדען, פאַרוואָס זיי ציִען צו פאָליאַקען, און פאָליאַקען, פאַרוואָס זיי ציִען צו ווײַסרוסען. פאַר אַ קבוץ, פאַר אַ פאָלק, האָט מען דרך-ארץ, און אַ פאָלק, וואָס איז אָרגאַניזירט און היט-אָפּ זײַן קיום, האָט אויך אַ סך וועגען און מיטלען צו באַשטײַן, אַז מ׳זאָל טאַקע האָבען פאַר אים דרך-ארץ; מ׳זאָל זיך מיט אים רעכענען. אַ פאָלק, אָבער, וואָס ווייסט נישט אויף וואָס-פאַר-אַ וועלט ס׳איז; וואָס ווייסט נישט, צי האָט עס אַ שפּראַך, צי האָט עס אַן אײגען פאָלקסלעבען, און צי לוינט פאַר דעם פאָלקסלעבען זיך אײַנשטעלען; צי איז עפּעס דאָ, וואָס טײַער צו האַלטען,—אַזאַ פאָלק האָט נישט קיין חזוק אין לעבען,—אַזויווי אַ פאַס אָהן רײפען,—און ס׳קאָן נישט געניסען מיט דער פולער מאָס אַפילו געוויינלעכע בירגער-רעכט אויך. יעדער ייד וועט עס פילען אויף זײַנע בײנער אויף טריט-און-שריט.

אָבער, פאָליטיש צו דערהויבען-ווערען צו דער מדרגה פאָלק, באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע מיט אַלע פעלקער גלײַך, קאָנען ייִדען נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלען האָבען אויסצושטעלען דאָס, וואָס יעדעס פאָלק; ווען זיי וועלען האָבען זייער שפּראַך, נישט קיין אויסגעקלערטע, נישט קיין יחוס-שפּראַך,—זייער ייִדיש. ייִדען וועלען פאָליטיש און נאַציאָנאַל געהאָלפען-ווערען, ווען זיי וועלען זיך גופא און פאַר דער וועלט זאָגען: מיר האָבען גאָרנישט צו טון מיט דער כתה פאַנטאַזיאָרען-העברעיִסטען; זאָלען זיי זיך שפּילען אין שפּראַכען און דבר׳ען, וואָס זיי ווילען, און ווי זיי ווילען,—אונדזער שפּראַך האָבען מיר שוין לאַנג און מיר ווילען זיי ווײַטער האָבען;— דאָס איז אונדזער ייִדיש!

סוף דבר.

מיר האָבען דאָ באַטראַכט ייִדיש פון פאַרשידענע זייטען: וואָס-פאַר-אַ ווערט ייִדיש האָט פאַר דער ייִדישער שול, פאַר ייִדיש בכלל, פאַר ייִדישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, פאַר אונדזער בשלום-לעבען מיט די שכנים-פעלקער. און מיר זענען געקומען צו דעם פועל-יוצא, אַז ייִדיש, די ייִדישע פאָלקסשפּראַך, דאַרף פאַרנעמען באַ אונדז אַנ׳אָרט גאָר פון אויבען-אָן. ייִדען דאַרפען זיך קלאָר-מאַכען און דערקלערען פאַר דער וועלט, אַז זייער שפּראַך איז ייִדיש, באַ דערדאָזיקער שפּראַך ווילען זיי בלייבען און זיי פאָדערען רעספּעקט און אַלע רעכט פאַר ייִדיש, אַזויווי פאַר אַלע אַנדער שפּראַכען. ס׳קומט-אויס, אַז ייִדיש איז איצט געוואָרען כמו דער מיטעלפּונקט,—אויף ייִדיש שטייט דאָס גאַנצע ייִדישע פּאָליטישע און פאָלקסלעבען. באַ אַ סך מענטשען, וואָס זענען אפשר אין האַרצען מסכים בכלל מיט ייִדיש, נאָר וואָס די זאַך בעצט איז פאַר זיי ניי, און דאָס ערשטע מאָל זעען זיי דעם גרויסען פאַרנעם פון דער זאַך,—באַ זיי קאָן זיך אַריינ׳גנב׳ענען אַ ספק: צי איז דאָס טאַקע אַזוי? צי שטעקט דאָ עפּעס ניט אַ גוזמא? פאַרוואָס איז עפּעס ייִדיש מיטאַמאָל געוואָרען אַזאַ גרויסע זאַך?

דאָס איז, אָבער, פּאָרט אַזוי! איין זאַך מוזען מיר זיך, אָבער, פריער קלאָר-מאַכען: אָט דער געדאַנק, אַז ייִדיש איז

„מיטאַמאָל״, פלוצים, הייסט עס, געוואָרען אַזאַ גרויסע זאַך,—אָט
דער געדאַנק איז נישט ריכטיק. מיר האָבען שוין פריער געווי-
זען, און יעדער ייד ווייסט עס אויך פון דער פראַקטיק, אַז יי-
דיש האָט אַ ל ע מ אָ ל, שטענדיק, פאַרנומען זייער אַ גרויס אָרט
אין דעם יידישען פאָלקסלעבען: אין לערנען, אין האַנדעל, אין
אַרבעט, אין שטוב, אין גאַס, אין דער פאַמיליע, אין בית-מדרש,
אומעטום: אין רוחניות און גשמיות, אין יעדען יידיש ווינקעלע.
יידען האָבען עס נישט באַמערקט! אַזויווי אַ געזונטער מענטש
פילט נישט זיינע אברים. ווען דערפילט ער אַ צאָן, אַ האַנט, אַנ-
אויג? ערשט דעמאָלט, ווען זיי הייבען-אָן וויי-טון און
מ׳דאַרף זיך ראַטעווען, דעמאָלט הייבט ער אָן צו קלערען און
צו רעדען דערפון. אַזוי איז אויך די מעשה מיט יידיש. ביז יי-
דען זענען געווען אויסגעטאָן פון דער וועלט, זיי האָבען געלעבט
נאָר מיט תורה, מצוות און מעשים-טובים; מ׳האָט נישט געקלערט,
נישט פון בילדונג, נישט פון אַרבעט, נישט פון פאָליטיק, נישט
פון צו זיין פאָליטיש אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, און די וועלט
גופא איז אויך געווען אַנ׳אַנדערע: מ׳האָט דאָ אויך נישט גע-
קלערט אָדער נישט קלאָר אויסגעטייטשט זיך אַ סך זאַכען פון
בילדונג, קולטור, פאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט. ביז דעמאָלט
האָט זיך דער ייד געלעבט, אַזויווי אַ הינדעלע אין זיין איי-
לע; ער האָט אויסגעפירט אַ וועלט אויף יידיש און האָט זיך גע-
פילט דערמיט געזונט אויף אַלע אברים. ממילא האָט ער נישט
געקלערט וועגען יידיש, נישט גערעט דערפון, וואָס האָט אים
געפעלט? ווער האָט אים אָנגערירט זיין שפּראַך?

פון יענער צייט אָן האָט זיך, אָבער, זייער אַ סך געביטען.
יידען לעבען שוין נישט נאָר מיט עולם-הבא אַליין, זיי ווילען
שוין געניסען פון אַ וועלט. יידען ווילען שוין בילדונג, גלייכע
רעכט, אַ מענטשלעך, ווירטיק לעבען, און די ווייטזעענדיקע אין
פאָלק ווילען שוין עפעס מער: אַ געזונט, יידיש-נאַציאָנאַל לע-
בען מיט אַלע פעלקער גלייך. די וועלט האָט זיך אויך געביטען.

מלחמות און רעוואָלוציעס האָבען איבערגעקערט אַ וועלט: די דעמאָקראַטיע, דאָס הייסט, דער פשוט'ער מענטש, וואָס ביזאַהער איז ער געווען בשפל המדרגה, דער איז געוואָרען אַ מענטש, האָט זיך דערפילט פאַר אַ בירגער מיט אַלעמען גלייך, און אַרבעט צו פאַרווערבען זיך די גרויסע דעה אין אַלע מלוכה-ענינים, אין גאַנצען סדר-לעבען. פעלקער, וואָס זענען געווען געיאָגט און געפלאָגט, נישט געוואַגט דעם קאָפּ אויפצוהייבען, זענען אויפגעריכט געוואָרען, אָדער ס'האַלט דערביי, אַז זיי זאָלען אויסגעלייזט ווערען, זיי זענען אויפגעשטאַנען תחית-המתים, אַרבעטען — שטאַרק צו פאַרפעסטיגען זיך, און ווילען נישט שענקען זייערס.

ייִדען לעבען שוין מער נישט אָפּגעזונדערט, זיי זענען שוין אין דעם רעכטען מיט. זיי מוזען זיך קלאָר אָפּגעבען חשבון וועגען אַ סך זאַכען: ווי האַלטען זיי אין מלוכה, אין פּאָליטיק בכלל; ווי באַנעמען זיי זיך אַקעגען אַנדערע פעלקער; וואָס ווילען זיי פאַר זיך אַליין, וואָרום דאָס אַלץ איז זיי נוגע אין לעבען אַריין.

יעדער ייד, למשל, ווייסט, ווי האָט זיך ייִדען געלעבט פריער בימי ניקאָלאַי און נאָכדעם, נאָך דער רעוואָלוציע. יעדער ייד ווייסט, ווי ער האָט זיך געפילט אין פוילען פריער, ווען פוילען איז נאָך געווען אַ טייל רוסלאַנד, און פוילישע ייִדען זענען געווען איינס מיט רוסלענדער ייִדען, און וואָס טוט זיך איצט, אַז אין פוילען ווערען בעלי-בתים די פּאָליאַקען, און פוילישע ייִדען זאָלען דאַרפען בלייבען מיט זיי איינער אַליין אויג אויף אויג.

ווען אין אַמעריקע פעלט-אויס אַרבעט אָדער מ'מאַכט שווערער דאָס אַריינפאָרען אַהין, פילען עס זיבען-אַכט מיליאָן ייִדען אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע זייער גוט, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען באַ זיי אין דערהיים. ווען מען פאַרווערט אַרויסצוגעבען ייִדישע בלעטער, פילט דאָס שוין דער ייד. הקצור, אַ וועלט האָט זיך געביטען, דאָס גאַנצע ייִדישע לעבען האָט זיך געענדערט און ממילא האָט זיך אַ סך געביטען אין דעם פּרט פון ייִדיש אויך.

געענדערט האָט זיך אַלצדינק אין ייִדישען לעבען. געביטען האָבען זיך קודם-כל ייִדישע פּרנסות. נאָר וואָס דען? פון ייִדישע פּרנסות קלערט מען שוין אַ שטיק צײַט און מ'טוט אין דעם, אַז ייִדען זאָלען באַקומען אַ בעסערען מעמד. שוין הונדערט יאָר צוריק האָבען אױפגעקלערטע ייִדען גענומען אײַנלײגען אַ וועלט, אַז פון ווינט און פון שענק קאָן קײן פאָלק נישט לעבען; ייִדען מוזען זיך נעמען פאַר מלאכה, ערד-אַרבעט און אַנדערע נוצלעכע אַרבעט. פאַר דער צײַט איז אין דעם פּרט עפּעס אױפגעטון געוואָרען און מ'טוט ווײַטער. אַמאָל איז דאָס געווען אַ שטיק אפּיקורסות, עפּעס אַנ'אײַנשטעלעניש אַזוינס צו רעדען, איצט איז דאָס שוין קײן נײַעס נישט. אַלע פאַרשטײען און ווײסען, אַז אָהן דעם, אָהן נוצלעכע אַרבעט, קאָן דאָס ייִדישע פאָלק נישט אױפגעריכט ווערען. דאָס אײגענע אױך מיט בילדונג. בעת הונדערט יאָר צוריק, און אפילו נאָך דרײַסיק, פערציק יאָר צוריק, אין די פאַרוואָרפענע עקען, האָבען משכּילים גע'טענה'ט, אַז ייִדען דאַרפען זיך בילדען, דאַרפען לערנען שפּראַכען און וויסענשאַפטען, איז דאָס געווען, ווי אַ דונער אין מיטען העלען טאָג. אַלע אונדזערע פרומע, און גלאַט גאָטס סטראַפּטשעס, האָבען מרעיש-עולמות-געווען: סטײַטש! וואָס וויל מען טון מיט ייִדען? מ'פירט ייִדען צו שמד! און צו וואָס דאַרפען מיר דאָס? וואָס פעלט אונדז, אַז מיר האָבען אַזאַ אײביגע תּורה?—אַזוי האָבען זײ דאַמאָלס גע'טענה'ט, און דאָס פאָלק האָט תּחילת כּמו זײ געגעבען געגלײבט. איצט איז שוין פון די אַלע טענות כּמעט קײן זכר נישט געבליבען. ייִדען ווילען האָבען בילדונג; מ'האָט שוין קײן מורא נישט, אַז דאָס זאָל שאַדען צו ייִדישקײט, און ס'פרעגט זיך נאָר, וויאַזוי דערלאַנגט מען דאָס.

דאָס אײגענע איך מיט „פּראָוועס“,—ייִדען זאָלען האָבען רעכט גלײַך מיט אַלעמען. בשעת ס'זענען אױפגעקומען אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק די יונגעלײַט-דעמאָקראַטען, וואָס האָבען זיך אײַנגעשטעלט זײער, אַז ייִדען זאָלען ווערען אױס קנעכט, ייִדען

זאָלען זײַן גלײַכע בירגער מיט אַלעמען, האָבען אונדזערע פּני, דאָס גאַנצע פּעקעל רעדעלפירער אײַנגעלײַגט אַ װעלט: זײ מאַכען אונדז אומגליקלעך, איבער זײ קומען אַלע צרות און גזרות אויף ייִדען! איצט פאַרשטײען שוין אַלע, אַז זײ, די ייִדישע דעמאָקראַטען, זענען געװען גערעכט, אַז ייִדען האָבען באַדאַרפט טון צוזאַמען מיט אַנדערע, אָפּצורײניגען די אַלטע צאַריש אָרדענונג, אַז נאָר די רעװאָלוציע האָט געקאָנט באַפרײַען דאָס גאַנצע לאַנד און ייִדען אויך בתוכם, און אַז מ'לײגט ניִשט אַרײַן, נעמט מען ניִשט אַרויס.

איצט איז דאָס שוין אַלץ אַלטע, גוט-באַקאַנטע זאַכען. איצט שטײען מיר ערב אַ נײַער תקופה אין דער גאָרער װעלט און אין ייִדישען פאָלקסלעבען אויך. איצט, װי מיר האָבען שוין פריִער דערמאָנט, שטײען פעלקער אויף תחית-המתים; פעלקער װילען איסגעלײזט װערען, יעדעס פאָלק אויף זײַן שטײגער. אַ פאָלק, װאָס זיצט פון לאַנג-אָן אויף אַנ'ערד, האָט געהאַט אַמאָל אַנ'אײגענע מלוכה, זאָל װײַטער אויפגעריכט װערען; זאָל װערען װידער בעל-הבית אויף זײַן לאַנד, װי, למשל, פּוילען, אוקראַינע; אַ פאָלק, װאָס האָט ניִשט קײן אײגען לאַנד, װאָס זיצט געמישט מיט אַנדערע פעלקער, זאָל װערען בעל-הבית איבער זײַנע אינעװײניקסטע ענינים: איבער זײַן בילדונג, זײַן שפּראַך, זײַנע קהל'שע הצטרכות. דאָס לעצטע איז שטאַרק נוגע אונדז ייִדען, מיר האָבען שוין פריִער געפרוּװט אויפצוקלערען, אַז איצט פאָדערט דער ייִדישער קיום,—ייִדען זאָלען װערען פּאָליטיש אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלײַך; דאָס גאַנצע פאָלק זאָל װערען נאַציאָנאַל גלײַכבאַרעכטיגט, אַזױװי יחידים זענען געװאָרען אַלס בירגער גלײַכבאַרעכטיגט,—דאָס איז נוגע יעדען ייִד, װאָס קלערט פון דעם כּלל. און װײַל באַ נאַציאָנאַלע רעכט, באַ אויפגעריכט-װערען אַלס אַ פאָלק האָט די שפּראַך אַזױפיל צו זאָגען, דעריבער איז איצט ייִדיש געװאָרען אַזאַ גרויסע זאַך, װאָס איז נוגע אין לעבען

דעם גאַנצען כלל־ישראל. איצט איז דאָס אַזוי דערפאַר, ווײַל איצט איז די צײַט געקומען; די זאַך איז איצט צײַטיק־געוואָרען, אַזויווי פריער, מיט יאָרען, איז צײַטיק־געוואָרען בײַ יידען די פראַגע פון בילדונג, אַרבעט, גלײַכע רעכט („פראַוועס").

איצט ערשט האָבען מיר דערפילט יידיש, אַזויווי מ'דערפילט אַ צאָן, וואָס טוט וויי. וואָרום יידיש טוט אונדז איצט וויי. פון אינעווייניק האָבען מיר די אַלטע שונאים פון דער יידישער פאָלקסשפראַך—די אַסימיליאַטאָרען, וואָס ווילען, אַז יידען זאָלען ווערען אויס־יידען, און יידיש שטייט זיי אין וועג צו פאַר'גוי'שען יידען. דאָ אינעווייניק האָבען מיר אויך אויף זיך נײַמאָדישע גוטע פרײַנט, וואָס ווילען אַראָפּברענגען משיח'ען אויף דעם נײַעם ציוניסטישען שטייגער, און יידיש איז פאַר זיי צו ווייניק יידישלעך—זיי מוזען האָבען דוקא העברעיש. פון אויסענווייניק האָט נאָך יידיש אויך נישט דעם רעספּעקט און די רעכט, וואָס אַנדערע שפּראַכען האָבען, און אַ סך זענען מיר אין דעם אַליין שולדיג, ווײַל מיר האָבען נישט אַזוי געמאָנט, ווי אַנדערע פעלקער מאָנען. איצט, בעת מיר דאַרפען אין מוזען אויפגעריכט ווערען, אויסגעלייזט ווערען אַלס אַ פאָלק, און יידיש דאַרף דאָ זײַן דער יסוד: מיר דאַרפען דער וועלט זאָגען, אַז מיר בויען זיך אויף יידיש,—איצט פילען מיר דעם ווייטיק, וואָס מזיקים—אייגענע און פרעמדע--פאַרשאַפען אונדזער פאָלקסשפּראַך, לאָזען איר נישט אַ קאָפּ אויפהייבען דעריבער מוזען מיר איצט קלערען וועגען יידיש, רעדען וועגען יידיש: דאָס וואָס יידען האָבען פריער נישט געטאָן, בעת יידיש איז נישט געשטאַנען פאַר אַזאַ נסיון און יידיש האָט מען נישט אָנגערירט. נישט קיין נײַעס ווילען מיר איצט אויפטון בעצם, ווי ס'ווילען אויפטון די העברעיסטען, וואָס ווילען אויפשטעלען תחית־המתים די העברעישע שפּראַך. יידיש דאַרף מען נישט לעבעדיק מאַכען, נישט אײַנפלאַנצען, נישט שטאַרקער מאַכען. יידיש איז לעבעדיק, טיף־אײַנגעוואָרצעלט און שטאַרק אין פאָלק. נײַ איז נאָר, וואָס איצט

זאָגען מיר דאָס, וואָס ס'איז. איצט איז נישט גענוג צו וויסען דאָס בײַ זיך און שווײַגען; איצט איז געקומען די צײַט צו זאָגען זיך און אַ וועלט: יידיש איז אונדזער שפּראַך און וועט בלײַבען אונדזער שפּראַך!

דאָס לעבען גייט זיך זײַן וועג, און די טבע פון אַ לעבעדיקער זאַך, פון אַ זאַך, וואָס האָט אַ חזוק אין לעבען איז צו גובר-זײַן אַלע מניעות און דערלאַנגען זײַן צוועק. מיר זעען עס מיט יידיש אויך. משכילים האָבען אָפּגערעט דאָס פאָלק פון יידיש; אַסימיליאַטאָרען האָבען געשפּיגען אויף יידיש און גע'רודפ'ט, ווי ווײַט זיי האָבען געקאָנט; ציוניסטען און העברעיסטען פאַר'מאוס'ען איצט יידיש בײַם פאָלק אין די אויגען, און וואָלטען גערן פּטור-געוואָרען פון דער פאָלקסשפּראַך; די אַלטע רעגירונג האָט ביד-חזקה געזען אויסצוראָטען יידיש; נישט געלאָזט פאַר דעם אין ערגעץ קיין דריסת-הרגל. יידיש האָט פון אַלע זײַטען פאַרביטערטע שונאים, און דאָך איז יידיש די לעצטע יאָרען שטאַרקער געוואָרען, נישט שוואַכער. אויף יידיש איז אויפגעוואַקסען אַ פײַנע היינטוועלטיקע ליטעראַטור, וואָס אייגענע און פרעמדע האָבען שוין דרך-ארץ פאַר איר. אויף יידיש איז אויסגעוואַקסען אַ יידישע פּרעסע, צײַטונגען און זשורנאַלען, וואָס האָבען הונדערטער טויזענטער לייענער, און יידען, און די וועלט הערען זיך צו צו זיי. אויף יידיש איז אויסגעוואַקסען אַ טעאַטער, וואָס ביסלעכווײַס ווערט דאָס אַ זאַן. אפילו היינטוועלטיקע שולען, וואָס יידיש האָט לויט דעם געזעץ נישט געטאָרט דאָרט געדאַכט ווערען, אפילו שולען אויף יידיש זענען אויפגעקומען, ווער שמועסט שוין אָוונט-קורסען, די לעצטע צײַט אויך פאָלקס-אוניווערזיטעטען. אַ גרויסע בילדונגס-אַרבעט און קולטור ווערט אויסגעפירט אויף יידיש: ביכער, און צײַטונגען און לעקציעס וכדומה. און דאָס וויכטיקסטע: יידיש האָט אַנ'אייגענע פאָלקס-אינטעליגענץ, און ביסלעכווײַס שטײַט צו יידיש אונדזער אינטעליגענץ בכלל. געבילדעטע, געשטודירטע, וואָס

זיי האָבען פון יאָרען אָן געהאַט די פּריווילעגיע אויף רוסיש פּויליש; וואָס זיי האָבען באַדאַרפט פיינט-האָבען יידיש, אין בעס-טען פאַל קרימען די נאָז פון יידיש,—זיי קומען איצט צו יידיש, רעדען און שרייבען אויף יידיש, און נעמען זיך אָן די עולה פון דער פאָלקסשפּראַך. דאָס איז נישט קיין צופאַל און נישט קיין אָפּרעד: דאָס לעבען האָט אַזוי געהייסען. אונדזער פאָלק וואַקסט, עס ווערט שטאַרקער, געבילדעטער, און מיט אים וואַקסט זיין שפּראַך.—יעדער, וואָס וויל זיין מיט'ן פאָלק, מוז אויך קומען צו זיין שפּראַך.

יידישיסטען ווילען קיין נייעס נישט אויפטון, נישט אָנ-וואַרפען עפּעס ווען ס'נישט איז; זיי ווילען נישט א יסוואָרצ-לען דאָס, וואָס האָט באמת אַנ'אחיזה אין יידישען לעבען: נישט תנ"ך, נישט לשון-קודש אַלס אַ ביכערשפּראַך. יידישיסטען זענען נאָך ווייטער פאַר אַנדערע. אַזויווי בשעתם האָבען משכילים גע-זען ווייטער פאַר אַנדערע מיט בילדונג. יידישיסטען זעען, וואָס ס'דאַרף זיין מיט יידיש, וואָס ס'מוז זיין און זאָגען דאָס דעם פאָלק. זיי ווילען גרינגער מאַכען דעם פאָלק דעם וועג צו קומען צו זיך; צו ציען פון זיין שפּראַך, פון זיין יידיש דאָס, וואָס קאָן אים שיינען און נוצען.

אינהאלטצעטעל.

זײט

הקדמה 5

I פון וואנען נעמען זיך „יידישיסטען"? 8—25

די משכילים 9

די נײמאָדישע נאַציאָנאַליסטען און ציוניסטען. 21

II וואָס ווילען די יידישיסטען? . . 25—47

יידישע שולען און בילדונג . . . 25

מיר קאָנען נישט אָנקומען צו קײן פרעמדער שפּראַך. 29

אין אַ שול אויף אַ פרעמדער שפּראַך קאָן דאָס קינד קײן פּעולה נישט האָבען 32

די שול דאַרף זײן אײנס מיט דער הײם, מיט דער סביבה 36

די שול דאַרף נוצען דעם מענטשען אין לעבען 39

צי מײנען די יידישיסטען גאָר יידישע תנ"ך און העברעאיש 41

די לאַנדשפּראַך 42

III וואָס טענה'ן די העברעיסטען? . 45—76

יידיש איז קײן שפּראַך נישט. צי איז יידיש אַ שפּראַך? 46

מ'דאַרף לערנען אַלצדינק אויף העברעיש . 50

וואָס קלערט דאָס פאָלק פון העברעיש . 51

זייט

צי מיינען טאַקע די העברעיסטען, אַז העברעיש
וועט ווערען אַ לעבעדיקע שפראַך אין גלות? 57
צי דאַרף מען לערנען יידיש? . . . 60
די יידישע שול און די מלוכה . . . 66
מיר און אונדזערע שכנים-פעלקער . . . 71

IV אַ קאַפּיטעל אויטאָנאָמיע. . . . 111–76

וואָס איז אַזוינס אויטאָנאָמיע? . . . 77
אויטאָנאָמיע און שפראַך . . . 94
אויטאָנאָמיע פאַר יידען און יידיש . . . 99
אויטאָנאָמיע פאַר יידען און אונדזערע שכנים-
פעלקער 104
סוף דבר 118–111